# לשון און לעבן

## חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומ. 11־10 (העפט 3־372) דריי און צוואַנציקסטער יאָר אוק.־נאָוו. 1962 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

א י נ ה אַ ל ט :

צום קאָנציל אין וואַטיקאָן, נאָך די ימים נוראים טעג... ** 1
„בראשית“ (יידישע פילאָזאָפיע און טראַדיציע) ... יעקב ריכטיגער 3
די רוסיש יידישע עמיגראַציע קיין ענגלאַנד ביז 1881 ... אהרן ר׳ ראָלין 8
יידיש (ליד) ... יוסף לעפטוויטש 13
פון טאָל ביזקל לאָנדאָן (דערציילונג) ... משה דאָמב 13
בן שמונים לגבורה (ליד) ... שמואל וההייט 16
אין פעלד (ליד) ... עלע זילבערג 16
שלמה מלך (פראז המשך) בעל־שם־וואַריאַציעס (פאָעמע) ... א. נ. שטענצל 17
פון אונזער פראָווינץ ... מ. אלמאַן 44
יידיש טעאַטער פון בראָדוויי ביז איסט סייד ... עלען ווינאָגראַד 45
רחל דן יחיא ... סומך־פיליפס
קולטור - ידיעות ...

### זונטיק דעם 25סטן נאָוועמבער אין בן אורי

14 בערנער סטר. ו. 8 6 זייגער

### 70 יאר יוסף לעפטוויטש

עס וועלן ריידן י. ביעטש, אליהו פאַלושאַק, יעקב זאַנטאַג און דער בעל־יובל
אייזיק גאָלדבערג און נעט רובין וועלן רעציטרן לעפטוויטשס לידער

פרייז 2 שילינג

אַבאָנאַמענט־פרייז :—26 שילינג פאַר אַ יאָר
אין אויסלאַנד :—8 דאָלאַר אַ יאָר
אדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע :—
"LOSHN UN LEBN," 17 Delamare Buildings,
Collingwood Street, London, E.1. England

*Published and Edited by* A. N. Stencl, *17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Sreet, London, E.1*

אברהם בלום און פרוי ווינטשן זייער משפחה אין ישראל און אלע פעלקער א גוט יאָר.

מרדכי לאנדער און פרוי ווינטשן זייערע קינדער און איינ׳קלעך אין ארץ־ישראל און אין חוץ־לארץ, און פריינט און קרובים א שנת חיים ושלום.

מיר ווינטשן געזונט און לעבן אלע אונ־זערע גוטע פריינט — מאיר און דארא ראז.

נחום שטענצל, פרוי און טאָכטער און א. נ. שטענצל ווינטשן זייערע קרובים און פריינט אַ גוט יאָר, אַ כתיבה וחתימה טובה.



יוסף מאַרקאָוויטש
געצייכנט פון מאָריס מאַכאַטשעווסקי



בעקי גאָלדשטיין

צום 85־סטן געבוירנטאָג פון בעקי גאָלד־שטיין, די מאמע פונם יידישן טעאַטער, לאָנ־דאָן, האָבן „פריינט פון יידיש“ איינגעאָרדנט א שבת נאָכמיטאָג ווי די אַקטריסע איז באַג־ריסט געוואָרן, פון קאָלעגן און לבהאָבער פון יידיש טעאטער. עווא זיידמאן האט גע־זינגען „די יידישע מאַמע“.

דער שבת נאכמיטאג איז אויך געווען גע־ווידמעט דעם דראַמאַטור און אקטאר יאזעף מאַרקאָוויטש צו זיין 60׳טן יאר זיין אין לאָנ־דאָן. מאַרקאָוויטש האָט געליינט פון זיינס א דראַמע און יידל גאָלדבערג האָט רעציטערט מארקאוויטשס א מוזיקאַלישע באַלאַדע.

אונזער מ׳טגליד, פריינט ל י י ז ע ר ב ע ט ע ל וואס איז אַרויס פון האספ׳טל, ווי׳נטשן מיר א רפואה שלימה און אַ כוח״ט אים און זיין פרוי און קינדער.
„לשון און לעבן“

מיר בעטן אונזערע אַבאָנענטן, זיי זאָלן צושיקן זייער אַבאָנא־מענט אַפּצאָל. דערמיט וועלן זיי פיל פאַרלייכטערן אונזע־ אָ׳בעט.

די ווינטערדיקע סוף חודש זונטיקס
אין בן אורי, הייבן זיך אָן זונטיק דעם 25׳סטן נאָוועמבער

דער יידישער וועלט־קאָנגרעס צוזאַם מיטן פען קלוב האָבן איינגעאָרדנט אן אָנדענק אָוונט צום 10'טן יאָרצייט פון די יידישע שרייבער־קדושים אין סאָוויעט־רוסלאַנד. יידל גאָלדבערג האָט רעציטירט פון זייערע שאַפונגען. מ'האט אויך געליינט ענגלישע איבערזעצונגען, פון יעקב זאָנטאַג.

ברזילי איז געווען דער רעדנער. יוסף לעפטוויטש האָט געפירט דעם פאַרזיץ.

צום אויפשטעלן די מצבה פון אפרים קאַנאַווסקי אין פאַריז (צו וועלכער „פריינט פון יידיש לשון" זיינען געווען איינגעלאַדן.) זיינען ביים שבת נאָכמיטאג פאָרגעליינט געוואָרן קאַגאַנאָווסקיס דערציילונגען און גערעדט געוואָרן איבערן גרויסן נפטר.

א שוועסטער פון אליהו פאַלושאַק איז פערגאנגענעם חודש געשטאָרבן דאָ אין לאָנדאָן. מיר דריקן אים אויס אונזער טיפן מיטלייד.

די אַנאָנס איבער דער „מאדעל־אויסשטעלונג וועגן בערלין" אין „די יידישע שטימע פון 26 אַקטאָבער 1962 (מיט א גרויסן נאָטיץ נאָך אין דער פראָנט זייט...) איז נישט געדרוקט געווען אין דער גאַנצער ענגליש־יידישע פרעסע, ווי די „דשואיש קראָניקל", „דזשואיש אָבסערוווער" א.א.

בערל ראָזן איז צוריקגעקומען פון א נסיעה אין אַמעריקע.

דער גרינדער פון די צעירי ציון און לאָנדאָן אברהם שמעון צימערמאַן איז געוואָרן א בן שבעים, מיר ווינטשן אים ווייטער אַנצוגיין מיט פרישע כוחות אין זיין אַרבעט.

אין סעמינאר פאַר יידיש וויסן איינגעאָרדנט פון פריינט פון יידיש לשון און סטעפּני קאנטי קאַנסל האָבן פאַרגאַנגענעם חודש געהאַלטן לעקציעס: יעקב ריכטיגער און ש. ל. קרעדיטאָר.

די שרייבערין מרת רחל דן־יחיא, די ביבליאָטעקערין און אָנפירערין פון די רעפעראַטן ביי יידישן אינסטוט אין א אַדלער־האָל איז נאך אַן אַקטיווע קולטור־טעטיקייט פון קנאַפּע 40 יאָר פענסיאָנירט געוואָרן. מיר ווינטש איר א סך גוטע און שעפרישע יאָרן.

## מרת דאניאך — די פרוי פון דריי וועלטן

איך זע מרת דאניאך בולט פון דריי וועלטן ארויס, פארשטייט זיך, אז נישט אינם זין פון דעם אוניווערז ארום אונז. מיר אבער זענען פאראינטערעסירט מיט איר פערזענלעכקייט גופא, איר יידישע פערזענלעכקייט. אזוי ארום זעען מיר זי אין איר קאנטאקט, ערשטנס, מיט דער אנגלא־יידישער וועלט. צווייטנס, זעען מיר זי אין איר קאנטאקט מיט דער וועלט פון עברית און חכמות ישראל און, דריטנס, אין איר טעטיקייט אין קאנטאקט מיט דער וועלט פון יידיש.

דריי און דרייסיק לאנגע יאר שוין שטייען מיר צוזאמען אין דער ארבעט פונם „פרי רידינג רום". האט זי מיך דאך אזוי הארציק דערמוטיקט מיט די אלע יארן צוריק, ווען איך מיינע ערשטע צוואנציקער יארן מען האט מיך איפגענומען אין קאמיטעט אריין. און ווי האט זי עס פארשטאנען צו טון!

זיכער איז עס געווען א גרויסע דערגרייכונג מצד איר אזוי צו פארשטיין די אנגלא־יידישע וועלט,, זי, וואס איז אליין אהערגעקומען פון דער פרעמד. אן ספק האט מען אליין געדארפט האבן מינדעסטנס א יסודותדיקע קענטעניש פון עברית, כדי צו וויסן ווי אפצושאצן די מרת דאניאך.

איך וועל נישט רעדן איבער איר יידיש, אחוץ בלויז אונטערצושטרייכן ווי בייהילפיק מרת דאניאך איז מיר געווען אין מיין באמיאונג אנצוקניפן געהעריקע באציאונגען צווישן די ענגליש־רעדנדיקע יידן און די יידיש־רעדנדיקע יידן.

א חוש פאר הומאר האבן מיר ביידע געהאט די אלע יארן. אט איז אירס א ווערטל: „דאס איז נישט מיין נעקראלאג"!

לאנג נאך זאל לעבן מרת דאניאך!

אלגא סומך-פיליפס


# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומ. 11־10 (העפט 3־372) דריי און צוואַנציקסטער יאָר אוק.־נאָוו. 1962 לאָנדאָן


## צום קאנציל אין וואטיקאן

זייט איר צונויפגעקומען פון אלע לענדער,
ווידער אים צוריק צוריקן, דעם קאַלענדער?

נישט גרעגאָר רעגירט מער, נישט יוליוס דער קיסר,
ס'איז לעצטע שעה שוין איצט, גיך רוקט זיך דער ווייזער.

אַזאַ צעהילכטע די רגע וועט אויסשלאָגן!
אז גאָט אליין דעם „דיין אמת" שוין זאָגן — — —

אלטע תפילות אויסמעקן, נייע צושרייבן?
ווער קאן אזעלכע מתפללים נאך גלייבן?!

מיט קלויסער־קלעקער צום טויט טרייבן און שרעקן,
צוויי טויזנט יאר און נישט געקענט אונז אָפּמעקן.

יאָ, איר ווייסט עס שוין, מען קאָן אונז נישט אויסראָטן,
צומאָל גאָר מיט 6,000,000 גאַלגן־גאָלגאָטא'ן.

אויב איר גלויבט אין גאָט, יעצט נאָך איר קאָנט'ס באַווייזן,
און גאַנצע וועלט און גאָרע מענטשהייט דערלייזן.

דער קרייץ אונטער דעם דערנער־באַקראַנצטן בלייכן,
צופאַרקרומט, צו קענען נאָך צוריק, אויסגלייכן.

גאָט אַ זון? האָט לילית א ממזר געבוירן!
זע משיח בלוטיקט נאך אלץ אין רוימ'ס טויערן.

גאָט איינגערעמט אין גאָלד־גלאַנץ צביעות און צויבער,
בלייבט די ביבל פאַרשטויבט אין פאַפּיר־קויבער —

גאָטס זון האָלץ־געשניצט, אויף קלויסטער־ווענט געהאַנגען,
מיליאָנען לעבנס אויף תליות אויסגעגאַנגען —

— — — — — — — — — — — — — — — —

צי אין זינד אונטערגיין, צי באמת —קיין חיליק!
גאָט, איידער די וועלט, די זינד אין מענטש פאַרטיליק.

ווי פאַרדרייט ער זאָל נישט זיין אונזער ערד באַלעם
און דאָך ר'וועט בלייבן באַשטיין — ס'איז נישט נאָך אַלעם

ס'זיינען זון און לבנה בלויז די ציפער־בלעטלעך,
שרייפל אין געווערק — יעדעס הארץ, הייליק, געטלעך.

## נאָך די ימים נוראים-טעג . . .

אזא איז ער נעבעך דער מענטש! אן מורא, אן פחד פאַר א גאָט, פאַר א הערשער, פאַר א שטאַרקן כוח, וואָלט מען נישט נאָר איינער דעם אנדערן, נאָר אפילו דעם אייגענעם חבר, לעבעדיקערהייט איינגעשלונגען: „ולמלא מוראו איש את רעהו חיים בולעו".

אויב אין רעליגעזע מלוכות, ווו גאָט זעט אַלץ און הערט אַלץ און ווו זיינע באַפליגלטע רייטער־שליחים דרייען זיך אַרום, „רואה ואינו נראה'ס", מיט פייער און מיט שווערט, מיט מגיפות און כל ערלי מכות און מגפות, מיט מחלות און יסורים און דערצו האָט מען נאָך נויטיק ממשותדיקע תליות און עלעקטרישע שטולן; — א סדר עולם וואס ראַנגלט זיך שוין טויזנטער יאָרן מיט מאַרטירער און מיט הייליקע, מיט קנאישע ארבע־מיתות־בית־דין און מיט יעזאישע אינקוויזיציעס; — ערשט א נייער סדר העולם, אן אטאיסטישער, א טאטאלער, פראָפּאַגער־רעאַליסטישער, ווי נאַטירלעך מישטיינסגעזאגט איז עס, אז ער „מוז" האָבן א געזונטע ענ־קאַ־ווע־דע, אויסגעשטאַטעט מיט כל ערליי פייניגונג־כלי־מכשרים, ארומגערונגלט מיט שפּיצלס און מוסרים: אן אויג וואס זעט אלץ און הערט אלץ, וואס ווייסט אפילו די געדאַנקן פון דיינע נירן און געהירן.

אזא איז זי די נעבעכדיקע מענטשהייט. אז וואס איז דער דען דער מענטש, דער „ורע מנעוריו", דער פון פאַר מבול נאָך און פון נח'ס צייט ביזן היינטיקן טאג? יעדן כח פון אן אידע, פון אן אידעאל, יעדע ניצלעכע ענטדעקונג און דערפינדונג, ווערט באַלד אויסגענוצט איינער דעם אנדערן אויסצונוצן.

און אזוי איז אין גרויסן און אין קליינעם, בנוגע פון פאָלק צו פאָלק און פון איין מענטש צום צווייטן: אין דער דעמאָקראַטישער וועלט באַנוצט זיך דען נישט שוין יעדער אינדיווידום, אויף וויפיל פרייען כוח נאָר ער האט, מיט די טאָטאַלע דערפינדונגען און ענטדעקונגען, ענטדעקט און דערפונדן, נאָך פון פאַרן ענטדעקטן אַמעריקע און דערפונדן נאָך מקודם פונם ערשטן עלעקטרישן לעמפל און קנעפל: „כי יצרו לב אדם רע מנעוריו".

און אונזער עפּאָכע, אן די אמתע מורא שוין פאַר אן סופיקן כול־יכול, — מיר ריידן נישט פון א פּאָליטיש־באַוווסטער, און א קלעריקאלע־נויטווענדיקע... פון אונזערע אַלע רעליגיעזשן צענטערס, ראַביי־און דערציאונג־קאָנפערענצן . . . — עס וואָלט דאָך שוין קיין טפח ערד נישט געבליבן פון אונזער ערד־קיילעך, ווען נישט די מורא פאַרן צעפּיצלטן אטאָם.

אזוי איז ער דער מענטש, אן דעם אינערלעכן „ואהבת לרעך כמוך", אן דעם „כלל גדול בתורה" מוז מען געפונען א פחד, א מורא, אז איינער דעם אנדערן זאָל נישט איינשלונגען לעבעדיקעהייט.

די ימים נוראים זיינען פאראיבער, כ'מיין נישט אונזערע הייליקע, די טוזנטער יאָרן שוין טראַדיציאָנעלע, כ'מיין די איצטיקע, די טעג פון ארום קובע, די קראָקאָדיל־טרערנדיקע און לופט סמעדיקע דא אַרום דער בערלינער מויער.

אָבער הערן זיין דען אויף? די ימים־נוראים־טעג, די שרעקלעכע, מוראדיקע, וועלן פריער נישט אויפהערן, ביז דער מענטש וועט נישט אינערלעך אין אויפריכטיק דערפילן דעם „ואהבת לרעך כמוך".



י. ריכטיגער

## יידישע פילאזאפיע און טראדיציע

### „בראשית"

אקסיאם, איז דער טערמין פאר אן אידיי וועלכע מוז אנגענומען ווערן אלץ אן אבסאלוטער אמת, ווייל אנדערש
איז ניט מעגלעך צו באגרייפן דעם ענין.
גלייבן, איז דער טערמין פאר אן אידיי וועלכע מוז ניט
אנגענומען ווערן אלץ אן אבסאלוטער אמת, ווייל עס
איז אויך מעגלעך אנדערש צו באגרייפן דעם ענין.

משה רבינו האט אנגעהויבן די חמשה חומשי תורה מיט „בראשית ברא אלהים את השמים ואת הארץ": אין אנפאנג האט דער אלמעכטיקער באשאפן דעם הימל און די ערד. (בראשית א') ווייל באשאפונג איז דער באזיס פון דער גאנצער יידישער אמונה... מען דארף וויסן, אז די עיקרדיקע און ערשטע אומאייניקייט צווישן די וועלט־דענקער איז אין אמתן, וועגן דער פראגע — ווי אזוי צו דערקלערן די פארמאציע פון קאסמישן פראצעס אדער די אנטוויקלונג פון הימל און ערד, ניט, ווי פיל מיינען, וועגן דעם העכערן ענין — צו עס איז פאראנען אן אלמעכטיקייט? . . . מען מוז אננעמען אז די אידיי וועגן אן אלמעכטיקייט איז אן אקסיאם: א זעלבסטפארשטענדלעכקייט, ווייל מען קאן זיך בשום אופן ניט פארשטעלן דעם קאסמישן פראצעס פון אייביקער באוועגונג און פארענדערונג, סיידן עס איז דא אן אלמעכטיקער כח. דערפאר טאקי, וואס די אידיי פון אן אלמעכטיקן כח איז אן אקסיאם, געפינט זיך ניט אין תנ"ך קיין געבאט און אפילו ניט קיין עצה טובה, מען זאל גלייבן אז עס איז פאראנען אן אלמעכטיקער. אויך דער רמב"ם דערמאנט ניט דעם גלויבן אין זיינע דרייצן עקרים פון יידישקייט, אין זיין ערשטן „אני מאמין" זאגט ער — „הוא בורא ומנהיג לכל הברואים": דער באשעפער האט באשאפן און ער פירט אלע ברואים. און אין זיין ספר „משנה תורה" דרינגט דער רמב"ם ארויס פון — „אנכי ד' אלהיך" — אז די ערשטע מצוה איז, צו וויסן דעם נאמען פון ישראלס אלמעכטיקן, כדי ניט צו פארבייטן אים מיט די אלמעכטיקע פון אנדערע, און אז ער האט אלעס באשאפן. (רמב"ם הלכות יסודי התורה פ"א־א)

דריי הויפט דערקלערונגען זענען פאראנען וועגן דער פארמאציע פון קאסמישן פראצעס אדער וועגן דער אנטוויקלונג פון הימל און ערד. אטעאיסטישע פארשער באהויפטן אז דער אלמעכטיקער כח איז א פערפעטואלער מעכאניזם אדער אן אויטאמאטישע ענערגיע, אזויווי למשל: עלעקטראמאגנעטישע כוואליעס, און זיין מאניפעסטאציע איז די חושימדיקע עקזיסטענץ. זייער באווייז, אז דער אלמעכטיקער כח מוז זיין אן אומבאוווסטזיניקער דינאמיזם, איז דער אומגעהוירער פארלוסט און אייביקער גערανגל אין דער חושימדיקער עקזיסטענץ; מיליאנען פון אירע פראדוקטן ווערן פארניכטעט יונגערהייט דורך צעווילדעטע עלעמענטן אדער פארצוקט פון שטארקערע מינים, און די איבער־

געבליבענע דארפן קעמפן די גאנצע צייט פון זייער עקזיסטענץ פאר זייער דערהאלט.

די טעאריע פון די אטעאיסטישע פארשער, אז דער אלמעכטיקער כח איז אן אומבאוווסטזיניקער מעכאניזם, ווערט פארווארפן פון די רעליגיעזע מיסטיקער. הגם אויך זיי האלטן, אז די אנטפלעקונג פון אלמעכטיקן כח איז די חושימדיקע עקזיסטענץ, דאך גלייבן זיי אז דער אלמעכטיקער כח איז דער מקור פון שכל, אינטעליגענץ, גוטקייט און ליבע, און אזוי ווי גוטקייט און ליבע קומען אליין נאר צום אויסדרוק לגבי אנדערע, ניט אין זיך זעלבסט, האט דער אלמעכטיקער כח געמוזט אויסשטראלן אדער אפטיילן פון זיך די אייגנשאפטן, אזוי ווי א פראטאפלאזמע צעל צעטיילט זיך אין א סך אידענטישע צעלן, כדי צו מאניפעסטירן זיין מהות. אבער עפעס א א זינד אדער א דעפעקט האט אין אנהויב פון דער אויסשטראלונג אדער צעטיילונג צעשטערט די הארמאניע פון אידענטישקייט, און דערפון האט זיך אנטוויקעלט די חושימדיקע עקזיסטענץ מיט דעם אומגעהוירן פארלוסט אין איר פראדוקציע און אייביקן גראנגעל פון אירע פראדוקטן פאר זייער דערהאלט.

און תורת משה האט אפגעווארפןביידע טעאריעס; זי איז קעגן דער באהויפטונג פון די אטעאיסטישע פארשער, אז די חושימדיקע עקזיסטענץ איז א מאניפעסטאציע פון א אומבאוווסטזיניקן אלמעכטיקן כח, און זי איז אויך קעגן דעם גלויבן פון די רעליגיעזע מיסטיקער, אז די חושימדיקע עקזיסטענץ האט זיך אנטוויקעלט פון גוטקייט און ליבע מיט א צומיש פון עפעס א זינד אדער א דעפעקט. לויט תורת משה איז ניט די חושימדיקע עקזיסטענץ א קאנקרעטיזאציע פון אלמעכטיקן כח, נאר דער אלמעכטיקער כח האט באשאפן די חושימדיקע עקזיסטענץ מיט אירע פאזיטיווס און נעגאטיווס, מיט איר גוטס און שלעכטס, ווי דער נביא ישעיה האט געזאגט — „יוצר אור ובורא חושך עושה שלום ובורא רע": דער אלמעכטיקער פארעמט ליכט און באשאפט פינצטערניש מאכט שלום און באשאפט שלעכטס. (מ״ה) און קהלת האט דערקלערט — „גם את זה לעמת זה עשה האלהים": אויך די קאנטראסטן האט דער אלמעכטיקער געמאכט. (ז׳) אז מען פארטיפט זיך אין דעם קאמפלעקס פון קאסמישן פראצעס געפינט מען אויס, אז די חושימדיקע דערקענטעניש פון אן אייגנשאפט אין דער עקזיסטענץ קומט ניט פון זיך זעלבסט, נאר א דאנק דעם וויסן אז עס איז פאראנען א היפוך; ליכטיקייט א דאנק דעם וויסן אז עס איז פאראנען פינצטערניש, היץ א דאנק קעלט, גוטקייט א דאנק שלעכטקייט, ליבע א דאנק האס אדער גלייכגילטיקייט, דאסזעלבע אומגעקערט, און אז מען איז ניט פעאיק צו אונטערשיידן די פארשידנקייט פון פארעמס, קאלירן אדער טענער קאן מען זיי ניט אידענטיפיצירן. עס איז דעריבער אן אבסורד צו פרעטענדירן אז די שלעכטקייט אין דער חושימדיקער עקזיסטענץ איז א באווייז פון אומבאוווסטזיניקייט אדער זינדיקייט, ווען מען זעט אז צו ווערן ממשותדיק אדער חושימדיק מוזן זיין קאנטראסטן, מוז א פאזיטיווע אייגנשאפט האבן קעגן זיך א נעגאטיווע און א נעגאטיווע אייגנשאפט מוז האבן קעגן זיך א פאזיטיווע. דערפון טאקי, וואס די גאנצע חושימדיקייט פון דער עקזיסטענץ



איז נאר קאנטראסט און פארשידנקייט, דארף מען ענדער ארויסדרינגען אז דער אלמעכטיקער כח האט איר באשאפן ווייל קאנטראסט און פארשידנקייט איז אן אבסאלוטער באוויז פון באשאף, ווען אפילו מען ווייס ניט די סיבה און מען זעט ניט דעם צוועק פון דער באשאפונג. ווי קהלת האט באטאנט — „גם את העולם נתן בלבם מבלי אשר לא ימצא האדם את המעשה אשר עשה האלהים מראש ועד סוף": אויך די וועלט האט ער געגעבן אין זייערע הערצער צו פארשן, אבער אזוי, אז דער מענטש זאל ניט אויסגעפינען דעם אנהויב און דעם סוף פון ווערק וואס דער אלמעכטיקער האט באשאפן. (קהלת ג׳)

אין פלוג דאכט זיך אז די חילוקי דעות, ווי אזוי צו דערקלערן די פארמאציע פון קאסמאס אדער די אנטוויקלונג פון הימל און ערד, זענען אקאדעמישע ספעקולאציעס וואס האבן ניט דעם מינדסטן איינפלוס אויפן טאג טעגליכן לעבן פון די מענטשנקינדער. אין דער ווירקלעכקייט אבער איז די מיינונגס פארשידנהייט די איינציקע סיבה פון אלע סאציאלע, פאליטישע און עקאנאמישע קאנפליקטן צווישן די פעלקער פון דער וועלט. מחמת די באהויפטונג פון די אטעאיסטישע פארשער, אז דער אלמעכטיקער כח איז אן אומבאוווסטזיניקער מעכאניזם, ווייל זאגן — „לית דין ולית דיין": ניטא קיין געזעץ וואס פארבאט פארברעכענס און ניטא קיין ריכטער וואס באשטראפט די פארברעכער, האבן זייערע וועלט־דענקער אנגענומען אז מיטן גאנצן קאסמאס גיין אויך די מענטשנקינדער א דורך אן עוואלוציע פראצעס, זיי האבן פראגרעסירט פון ווילדע קאניבאלן צו דער איצטיקער שטופע פון מענטשלעכקייט, און זיי וועלן נאך ווייטער פראגרעסירן ביז א דור וועט קומען וואס יעדער מענטש וועט דערגרייכן אזא הויכע קולטורעלע מדרגה, אז עגאיסטישע פארלאנגען וועלן זיין פרעמד צו אים און זיין גאנצע ארבעט וועט זיין לטובת הכלל, פארן וווילזיין פון דער מענטשלעכער צוזאמענלעבונג. ארום צוויי מיט א האלבן טויזענט יאר צוריק האט דער גריכישער פילאזאף סאקראטעס פאלעמיזירט וועגן אויפשטעלן אזא קאמונע ווו די ווערטער „מיין און דיין" וועלן ניט האבן קיין באטייט, ווייל פון זינט זייער געבורט וועלן די מענטשן זיין דערצויגן אין א קאלעקטוויסט׳שן גייסט, קיינער פון זיי וועט ניט באזיצן קיין אייגנטום, ווי אויך קיין פאמיליע און אלע קינדער וועלן געהערן צו דער קאמונע. (די רעפובליק פון פלאטא בוך 5) מיט ארום הונדערט יאר צוריק האבן מארקס און ענגעלס פיל קלארער און שארפער ווידער אויפגעלעבט די אלטע טעאריע, אין זייער מאניפעסט פון דער קאמוניסטישער פארטיי. זייער באהויפטונג איז געווען — אז דער אומגעהוירער פראגרעס אין טעכניק און אין וויסנשאפט האט געשאפן די קאנדיציעס איבער צו בויען דעם געזעלשאפטליכן סיסטעם, און מיט דער צייט צו דערגרייכן די העכסטע מדרגה פון קאמוניסטישער צוזאמענלעבונג, ווו יעדער איינער וועט ארבעטן לויט זיין יכולת און באקומען אלעס נויטיקע פאר א באקוועמען לעבן. וואס לענין האט מיט פירציק יאר צוריק קאמענטירט — ווען מענטשן וועלן זיין צוגעוווינט אפצוהיטן די פונדאמענטאלע רעגולאציעס פון געזעלשאפטלעכן לעבן און ווען ארבעט וועט זיין אזוי פראדוקטיוו אז זיי וועלן פרייוויליק ארבעטן לויט זייער יכולת, וועט דעמאלט ניט מער ניטיק

זיין אויסצורעכענען וויפיל מען זאל יעדן געבן, נאר יעדער וועט זיין בארעכטיקט צו נעמען וויפיל ער האט נויטיק. („ווי אזוי צו פארענדערן די געזעלשאפט ארדענונג“ ז. 74־73) און קרושטשאָוו האָט מיט עטלעכע חדשים צוריק פאראויסגעזאגט אז דאס רוסישע פאלק וועט אין צוואנציק יאר דערגרייכן דעם ציל אין אויסראטן עגאיזם, יעדער וועט ארבעטן לטובת הכלל און האבן וואס ער דארפט.

אזוי האבן אויך די וועלט־דענקער פון די רעליגיעזע מיסטיקער געטראכט צו לייזן די דילעמע פון צדקות און רשעות ביי די מענטשנקינדער, פארשטייט זיך, אין א מעטאפיזישן אופן, ניט אין א מאטעריאליסטישן ווי די אטעאיסטישע פארשער. מחמת לויט די רעליגיעזע מיסטיקער איז די חושימדיקע עקזיסטענץ אן אנטוויקלונג פון אלמעכטיקן גוטקייט און ליבע מיט א פרעמדן צומיש פון עפעס א זינד אדער דעפעקט, האבן זייערע וועלט־דענקער אויסגעטראכט אז די גאנצע עקזיסטענץ איז פארוויקעלט אין א מלחמה קעגן דעם פרעמדן סובטאנץ, וואס האט צעשטערט די אייניקייט צווישן דעם אלמעכטיקן כח און זיין אויסשטראלונג אדער צעטיילונג. זיי האלטן אז דער אלמעכטיקער כח זעלבסט פירט דעם קאמף אויסצוראטן דעם פרעמדן ארייננדרינגער, דורך וויטערדיקע אויסשטראלונגען און צעטיילונג פון זיין גוטקייט און ליבע, וואס פארקערפערן און פערזאניפיצירן זיך אין א משיח, צו העלפן די מענטשנקינדער באפרייען פון דער רשעות. זיי גלייבן אז מיט דער צייט וועט די גאנצע חושימדיקע עקזיסטענץ פארשווינדן און א מלכות שמים: א הימלישער קעניגרייך פון גוטקייט און ליבע וועט קומען אויף איר פלאץ.

ווי עס הייסט זוכן ביידע, די אטעאיסטישע פארשער און די רעליגיעזע מיסטיקער, אויסצוקורירן דעם מענטש פון זיין רשעות, פאקטיש, אבער ווילן זיי אים מאכן אויסמענטש מיט זייערע היילמיטלען, די אטעאיסטישע פארשער ווילן אים פארענדערן אין א מאטעריאליסטישן מלאך, און די רעליגיעזע מיסטיקער ווילן אים מאכן פאר א גייסטיקן מלאך. דער מענטש איז א נאטור פראדוקט און אזוי ווי אלע האט ער קאנטראסטישע אייגנשאפט, דאס איז זיין מהות אדער זיין אייגנטימלעכקייט, זיין באגער וועט ניט געטעמפט ווערן מיט געבן אים א סך און אויך ניט מיט געבן אים ווייניק. דאס איינציקע וואס קאן אים האלטן אין גלייכגעוויכט איז מורא פארן געזעץ און ריכטער, אדער פארן אלמעכטיקן, דאס צוימט די מענטשנקינדער אז איינער זאל ניט דעם צווייטן פארשלינגען לעבעדיקערהייט. עס איז דעריבער אן איינרעדעניש, אז מען וועט דערציען א נייעם מין, מלאך אין מענטשן געשטאלט, וואס זיינע אמביציעס און עמאציעס, נייגונגען און פארלאנגען וועלן זיין צו דער דיספאזיציע פון כלל און ניט האבן אין זיך א שמץ פון עגאיזם. אז ווען דער מענטש האט ניט קיין מורא פארן געזעץ און ריכטער, אדער פארן אלמעכטיקן ווערט ער נאך ערגער פון דעם פרימיטיווען קאניבאל איז צו זען פון דייטשן פאלק. ווען דאס דייטשע פאלק האט געגלייבט אז עס קאן רויבן דאס האב און גוטס פון אייראפעישן יידנטום אומבאשטראפט, האט עס פארשאכערט די דורך דורות איינגעשאפטע הויכע קולטור, אין קונסט, וויסנשאפט און טעכניק, פאר דעם נאצישן סופע־



ריאריטעט קאמפלעקס און געהאלפן פארטיליקן מענער און פרויען, פון זויגעדיקע קינדער ביז גרייז־גרויע אין גאז קאמערן און אין קרעמאטאריעס. און די קריסטלעכע רעליגיע האט אין משך פון קנאפע צוויי טויזענט יאר פארשאכערט די גוטקייט און ליבע פון איר גאט פאר דער נקמה פון זיין טויט, כדי צו קאנען רויבן און מארדן דאס יידישעפאלק.

משה רבינו האט דעם ארויסקום פון זייערע טעאריעס שוין געזען אין מצרים. ער האט געהערט דעם גסיסה־כארכל פון געפאלענע שקלאפן אונטער דער בייטש פון טרייבער, וואס איז באגלייט געווארן מיט לויב געזאנגען פון די חרטומישע פריסטער צו פרעה, דער פארקערפערטער זון גאט, פאר זיין באפרייען די וועלט פון בייז. און ער האט באזוכט דעם חרובן בבל־טורם ווו מענטשן פון פאר זיין צייט האבן געוואלט אויפבויען א געזעלשאפט פון איין שפראך און אידענטישן לעבנסשטייגער פאר אלע, כדי די מענטשקינדער זאלן זיך ניט צעטיילן אין ראסן, גלויבנס און פעלקער. ער האט דעריבער פארווארפן זייערע טעאריעס און אויפגעשטעלט א נייע תורה מיט געזעצן צו צוימען דעם באגער פון עקספלאטאציע, רויב און מארד, אפילו אין נאמען פון סאציאלע רעפארמען אדער צו באפרייען די מענטשנקינדער פון בייזע אייגנשאפטן, און ספעציעל אלץ אן אנטיטעזע צו דעם מצרישן און בבלשן סיסטעם פון אומטאלעראנץ. מחמת לויט די טעאריעס פון מצרים און בבל איז דער אלמעכטיקער כח די חושימדיקע עקזיסטענץ, האבן זיי צוגעשריבן די נעגאטיווס פון דער חושימדיקער עקזיסטענץ צו אומבאוווסטזיניקייט אדער זינד און געטראכט מיט פייער און שווערד צו פארוואנדלען דעם מענטש אין א מלאך. ווען משה רבינו האט געזען אז זיי האבן, אנשטאט א מלאך, פארוואנדלט דעם מענטש אין א טייוול, ווייל דער מהות פון מענטש איז קאנטראסט און פארשידנקייט, אזוי ווי די חושמדיקייט פון דער עקזיסטענץ מאניפעסטירט זיך דורך קאנטראסט און פארשידנקייט, האט ער פעסטגעשטעלט דעם באזיס פון דער גאנצער יידישער אמונה אויף באשאפונג און אנגעהויבן זיין תורה מיט — „בראשית ברא אלהים את השמים ואת הארץ“: אין אנפאנג האט דער אלמעכטיקער באשאפן דעם הימל און די ערד . . .

אהרן ר. ראלין

## די רוסיש־יידישע עמיגראציע קיין ענגלאנד ביז 1881

אין די ארטיקלען און רעפעראטן פון פארשידענע היסטאריקערס וועגן די רוסיש־יידישע עמיגראציע קיין ענגלאנד ווערט, אין אלגעמיין, דאס יאר 1881 געגעבן אלס דער בראשית פון דער עמיגראציע. מען איגנארירט כמעט אין גאנצן די צענדליקער טויזנט יידן וועלכע האבן עמיגרירט פון דער צארישער אימפעריע ביז 1881.

אמת איז אז די שרעקלעכע פאגראמען און רדיפות אויף יידן אין רוסלאנד אין יאר 1881 און ווייטער האבן געפירט צו דער מאסן עמיגראציע ווען הונדערטער טויזנד יידן האבן זיך געלאזן אין וועג צו זוכן א היים אין נייע לענדער,

ספעציעל אין אמעריקע און אין ענגלאנד.

אבער ווען די עמיגראנטן זיינען געקומען אין די נייע לענדער האבן זיי שוין געפונען דארטן ישובים פון מזרח אייראפעאישע יידן וועלכע האבן געשפילט גאר אַ וויכטיקע ראלע אין העלפן די ניי אנגעקומענע.

אין דעם ארטיקל ווילן מיר זיך טאקע אפגעבן מיט די רוסיש־יידישע עמיגראנטן וועלכע זיינען געקומען אין ענגלאנד איידער די מאַסן עמיגראציע האט זיך אנגעהויבן אין 1881.

די רוסיש צארישע אימפעריע איז שטענדיק געווען א גרויזאמע שטיפמאמע צו אירע יידישע בירגער פאר הונדערטער יארן, און יידן זיינען אפט געלאפן פון דארטן צו ראטעווען זייערע לעבענס און זייער זעלבסט־ווירדע. עס איז באקאנט אז אין דער צייט פון די שרעקלעכע שחיטות אויף יידן פון באגדאן כמעלניצקי און זיינע קאזאקישע הארדן אין די יארן 1648־1649 (גזרות ת״ח־ות״ט) ווען צענדליקער טויזנד יידן זיינען ברוטאל דערמארדעט געווארן און הונדערטער אלטע יידישע ישובים חרוב געמאכט, זיינען מאַסן יידן געלאפן פון רוסישן גיהנום אין אנדערע לענדער, און א צאל איז אויך אנגעקומען אין ענגלאנד.

דאס זעלביקע, אין א קלענערער מאָס, האט ווידער פאסירט מיט 120 יאר שפעטער אין אוקראינע אין יאר 1768 ווען די הײדאמאקעס האבן פאגראמירט און דערהרגעט טויזנטער יידן און חרוב געמאכט אַ סך יידישע ישובים. די גרויזאמסטע רציחה איז דאמאלסט געווען אין דער שטאט אומאַן.

דא איז אבער דער פלאץ צו קורץ צו ריידן באריכות וועגן די צוויי טרויריקע פאסירונגען אין דער געשיכטע פון די יידן אין רוסלאנד. עס וועט זיין גענוג פאר אינדזער טעמע דא אנצוהייבן פון דער צייט ווען דער דעספאט ניקאלאי דער ערשטער איז ארויף אויפן צארישן טראן אין 1825 נאכדעם ווי ער האט דערשטיקט אין בלוט דעם אויפשטאנד פון די דעקאבריסטן און פארשיקט אין וויטן סיביר טויזנטער פון די בעסטע ליבעראלע עלעמענטן פון רוסישן פאָלק.

עס הויבן זיך דאן אן די ערגסטע רעאקציאָנערע געזעצן און פארפאלגונגען קעגן יידן אין דער רוסישער אימפעריע וועלכע האבן פארפינצטערט זייער לעבן דארט אין 19טן און אנהייב 20טן יארהונדערט. דער רעקרוטן געזעץ פון 1827 (די קאנטאניסטן) איז געווען באזונדער אינטערדריקנט פאר די יידן וועלכע האבן געדארפט געבן א פיל גרעסערן פראצענט רעקרוטן ווי די קריסטלעכע באפעלקערונג.

פון אנהייב האט מען זיך געקענט אויסקויפן מיט געלט, אבער דאס איז באלד אפגעשאפט געווארן און די רעגירונג האט געפאדערט אלץ מער און מער רעקרוטן פון די יידישע קהילות. דאס האט געפירט צום טרויריק באַרימטן קאפיטל פון די „כאפערס" דורך וועמען יונגע יידישע קינדער פון 8 יאר אלט און עלטערע בהורים פלעגן איבער געוואלט ווערן אריינגעפרעסט אלס קאנטאניסטן אין דער רוסישער ארמיי צו דינען 25 יאר אונטער שרעקלעכע אומשטענדן.



דער ציל פון דער רעגירונג איז געווען אפצושמדן די יונגע קינדער און מאכן זיי פארגעסן זייער יידישקייט. בלויז א קליינע פראצענט פון די „ניקאלאיעווסקע סאלדאטן" האבן געקענט אויסהאַלטן די צרות און אומקערן זיך צוריק צו יידישקייט נאך די 25 יאר דינסט אין רוסישן מיליטער.

אונטער אזעלכע אומשטאנדן איז גאנץ פארשטענדלעך אז יידישע יונגע לייט און זייערע עלטערן וועלכע זיינען געווען פאראנטווארטלעך פאר זיי זענען געלאפן פון רוסלאנד ווען עס איז נאר מעגלעך געווען.

דאס אנטלויפן קיין אויסלאנד איז געווארן שטארק פארגרעסערט ווען ניקאלאיס רעקרוטן געזעץ איז אויך ארויפגעפרעסט געווארן אויף פוילן אין יאר 1845. פוילן איז נעענטער צום אויסלענדישן גרענעץ, און פוילישע יידן האבן שוין פריער אויסגעוואנדערט נאך דעם דורכפאל פון פוילישן אויפשטאנד אין יאר 1831. ווייל די רוסישע רעגירונג האט פארפאלגט די יידן פארן אנטייל נעמען און סימפאטיזירן מיטן פוילישן אויפשטאנד.

דער הויפט ציל פון די וואנדערער איז געווען צו דערגרייכן אמעריקע, אבער לאנדאן איז געווען די הויפט סטאנציע אויפן וועג, און א סך זיינען דאָ פארבליבן אלס תושבים.

אין אן אפהאנדלונג וועגן רוסיש־פוילישע יידישע אימיגראנטן אין אמעריקע (אין דער געשיכטע פון דער יידישער ארבעטער באוועגונג ארויסגעגעבן פון „ייווא", ניו־יארק) שרייבט דער היסטאריקער י. ליפשיטץ פאלגנדיקעס : — „די ערשטע מזרח אייראפעאישע אימיגראנטן זיינען כמעט אלע געקומען דורך ענגלאנד. א דייטש־יידישער קארעספאנדענט האט אין 1846 געשריבן פון ניו־יארק אז דארט זיינען פאראן נאר געציילטע ענגלישע יידן. דערפאר זיינען דא לרוב פוילישע יידן וועלכע זיינען אריבערגעקומען נאכדעם ווי זיי האבן א לאנגע צייט אפגעלעבט אין ענגלאנד און איבערגענומען ענגלישע מנהגים און דעם ענגלישן לעבנס — שטייגער".

פון דעם איז צו זען אז שוין אין די 40׳קער יארן פון פארידן יארהונדערט איז געווען א באדייטנדע צאל רוסיש־פוילישע יידן אין ענגלאנד.

איינער פון די אימיגראנטן איז געווען משה זאנגוויל, דער פאטער פון איזראעל זאנגוויל, דעם בארימטן שרייבער, ציוניסט און טעריטאריאליסט. משה זאנגוויל שטאמט פון ראוועניסקי, אַ קליין שטעטל אין לאַטוויע וואו מען האט אים אריינגעפרעסט אין ניקאלאיס ארמיי אלס קאנטאניסט ווען ער איז קוים אלט געווען 12 יאר. עס איז געלינגען צו אנטלייפן פון קאזארמע און קומען נאך ענגלאנד אין 1848.

איזראעל זאנגוויל׳ס שוועסטער קינדער זיינען געווען די באקאנטע פיאנערן ציוניסטן ד״ר דוד אידער און יוסף קאען וועמענס עלטערן זיינען אויך, קענטיק, געווען עמיגראנטן פון רוסלאנד.

אין יענער צייט איז די הויפט באשעפטיקונג פון די יידישע אימיגראנטן געווען פעדלעריי מיט קליינוואַרג, מיט אלטע בגדים אדער גלעזעריי.

משה זאנגוויל איז געווען צו ערשט אַ פעדלער. ערשט אין די 60׳קער יארן איז ער אריין ארבעטן אין א שניידער שאפ.

משה מאנטעפיארע דערציילט אין זיין טאג בוך אז אין 1843 האט מען אים געלאזט וויסן אז צוויי פוילישע יידן (פון ווארשע) זיינען ארעסטירט געווארן אין לאנדאן פאר פעדלען אן א דערלויבעניס און ער האט זיך פאר זיי משתדל געווען.

מרס. איירטאן גולד, די פרוי פון באקאנטן ענגלישן פאעט און קריטיקער דזשעראלד גולד האט אויף א מיטינג אין פארלאמענט אין 1935 דערקלערט אז איר זיידע לוי מארקס איז געווען אַ פוילישער רעפיודזשי, און זי האט געהאט ביי זיך זיין אפיציעלע דערלויבניש (לייסענס) אלס פעדלער, דאטירט יאנואר 1860. (אין יוסף לעפטוויטש בוך „ישראל זאנגוויל“.)

נאך א גוט באקאנטער אימיגראנט פון רוסלאנד איז געווען הירש פיליפאווסקי געבוירן אין ווערבאלמן אין 1816, געקומען אין לאנדאן אין 1839. פיליפאווסקי איז בארימט געווארן אין ענגלאנד אלס לינגוויסט (שפראכן קענער) און מאטעמאטיקער און געווען באשעפטיקט מיט וויסנשאפטלעכע ארבעט ביז זיין טויט אין לאנדאן אין 1872.

ארום 1840 איז געקומען פון פוילן רב אברהם זוסמאן און פארנומען די שטעלע פון הויפט שוחט אין לאנדאן פאר אסך יארן. זיין אייניקל איז געווען איזראעל אייבראַהאַמס, דער בארימטער אידישער געלערנטער און היסטאריקער וועמענס בוך „די געשיכטע פון די יידן אין מיטל אלטער איז אם בעסטן באקאנט.

אין 1850 איז געקומען פון קורלאנד וויליעם ארנסבערג, א יונגער מאן פון 18 יאר. ער האט זיך באזעצט אין מאנטשעסטער וואו ער איז געווארן א רייכער סוחר און פאבריקאנט און גענומען א גרויסן אנטייל אין אידישע און אלגעמיינע צדקה אנשטאלטן. די שטאט מאנטשעסטער האט אים באערט מיטן טיטל „פרידנס ריכטער“ אַ שפעטערער אימיגראנט פון פוילן (אין 1864) איז געווען הערמאן לאנדא. ער איז דא געווארן א רייכער באנקער, און א סך געהאלפן די ארעמע יידישע אימיגראנטן זייענדיק דער הויפט שטיצער פון יידישן שעלטער.

איך גיב דא נאר אייניקע מער באקאנטע נעמען פון רוסיש פוילישע עמיגראנטן פון יענער צייט.

די רוסיש־פוילישע אימיגראציע פון די יידן אין ענגלאנד האט זיך גענומען פארגרעסערן אין צווייטן העלפט פון פאריקן יארהונדערט. די הויפט סיבות זיינען געווען די פאלגנדיקע: —

(1) די רוסישע מפלה אין קרימער מלחמה אין 1855. די יידן האבן דאַן אם מייעסטנס געליטן פון דעם עקאנאמישן קריזיס אין לאנד, און א סך האבן פון דארט אויסגעוואנדערט.

(2) דער דורכפאל פון פוילישן אויפשטאנד אין 1863. די יידן האבן גענומען א וויכטיקן אנטהייל אין דעם און זיינען שטארק פארפאלגט געווארן דערפאר פון דער רוסישער רעגירונג.

דער פויליש יידישער היסטאריקער י. שאצקי ע״ה גיט (אין די „ייווא“ וויסנשאפטלעכע שריפטן) א רשימה פון 100 פראמינענטע פוילישע יידן וועלכע



האבן אדער באצאלט מיט זייער לעבן אדער פארמשפט געווארן צו לאנגע יארן תפיסה און קאטארגע פאר זייער אנטייל נעמען אין דעם אויפשטאנד. א גרעסערע צאל איז געלונגן צו אנטלויפן, און א סך פון זיי זיינען געקומען אין ענגלאנד. דער באקאנטסטער פון זיי איז געווען לואיס סמיטה וועלכער איז אנטלאפן פון פוילן קיין פראנקרייך, האט אויך אנטייל גענומען אין דער פאריזער קאמונע פון 1871, און נאך איר דורכפאל איז ער געקומען קיין לאנדאן. דא האט ער שוין געפונען אַ גרויסע צאל יידישע ארבעטער און האט ארגאניזירט די ערשטע יידישע טרעיד יוניאן אין 1872.

(3) די כאלערע אין מעריב רוסלאנד אין 1868 און דער הונגער אין ליטע און זאמעט אין 1869.

אַט די צוויי אומגליקן האבן געטריבן טויזנדער יידן, ספעציעל פון ליטע, צו פארלאזן זייערע היימען און אויסוואנדערן און אנדערע לענדער.

אין די 70׳קער יארן געפינען מיר שוין גרויסע גרופעס מזרח איראפעאישע יידן אין לאנדאן, מאנטשעסטער און לידז וועלכע גרינדן אויפן רעליגיעזן און צדקה געביט שולן און חברות, און אויפן עקאנאמישן געביט נעמען זיי אן אקטיוון אנטייל אלס מייסטערס און ארבעטער און די שנעל אנטוויקלדיקע נייע אינדוסטריעס פון באקליידונג, פון מעבל און שוך פאבריקאציע. די ארבעטער נעמען זיך ארגאניזירן אין טרייד יוניאנס צו פארבעסערן זייערע ארבעטס באדינונגען. מיר האבן שוין דערמאנט די ערשטע יידישע יוניאן אין לאנדאן אין 1872, און עס איז אויך געווען א שניידער ארבעטער פאראיין אין לידז אין 1875.

(4) דער פאגראם אין אדעס אין 1871 און אלגעמיינע געצוואנגענע מיליטער דינסט אין 1874.

די יידישע אימיגראנטן אין ענגלאנד האבן זיך באדייטנד פארגרעסערט נאכן פאגראם אין אדעס אין 1871 ווען א גרויסע צאל דרום רוסישע יידן האבן פארלאזן זייערע היימען, און נאכן געזעץ וועגן אלגעמיינע מיליטער דינסט אין 1874. אט דער געזעץ וואס אלעקסאנדער דער צווייטער האט איינגעפירט נאכדעם ווי די 25 יאריקע מיליטער דינסט איז אפגעשאפט געווארן נאך ניקאלאי דעם ערשטענס טויט אין 1855, און די בייטיילונג פון רוסלאנד און די באלקאנישע מלחמות פון 1875 און 1876 האט געבראכט א סך יידישע עמיגראנטן פון אלע טיילן פון דער רוסישער אימפעריע. די נייע אנגעקומענע האבן פארגרעסערט די צאל פון ארבעטער און מייסטערס און די אויבנדערמאנטע נייע אונדוסטריעס און אין גאנצן אומגעביטן די עקאנאמישע באזע פון די יידישע אימיגראנטן. דער פעדלער, דער גלעזער און דער אלטווארג הענדלער זיינען פארשוואונדן, און א נוצליכער פראדוקטיווער עלעמענט איז אויפגעשטיגן.

(5) פאליטישע עמיגראנטן.

אין די 70׳קער יארן האט זיך שטארק אנטוויקלט די רעוואליוציאנערע באוועגונג צווישן די שטודירנדע יוגנד, און א סך יידישע סטודענטן אין די איניווערזיטעטן, און באזונדערס אין די רעגירונגס ראבינער שולן אין זשיטאמיר און ווילנע זיינען פארכאפט געווארן אין דער באוועגונג.

די רעגירונג האט שטארק פארפאלגט די רעוואליוציאנערן און א סך פון זיי זיינען אנטלאפן אין אויסלאנד. די אם מערסטן באקאנטע פון די יידישע פאליטישע עמיגראנטן אין לאנדאן זיינען געווען אהרן ליבערמאן און לאזאר גאלדבערג וועלכע האבן אין יאר 1876 געגרינדעט דעם ערשטן יידישן סאציאליסטישן פאראיין וואס האט עקזיסטירט פון מאי ביז סוף דעצעמבער פון זעלבן יאר און האט געהאט איבער 30 מיטגלידער.

דער פאראיין האט אויך אפגעהאלטן פובליק מיטינגס און געגרינדעט א שניידער יוניאן פון איבער 300 מיטגלידער, אבער זי האט זיך ניט לאנג געהאלטן. די מיטגלידער פון סאציאליסטישן פאראיין זענען כמעט אלע געווען באשעפטיקט אלס ארבעטער אין שניידעריי, סטאלעריי, אלס היטל מאכערס, קעסטל ארבעטער און אין אנדערע פאכן, הגם פון דער היים זיינען די גרעסטע צאל געווען אינטעליגענטן און אייניקע געוועזענע סטודענטן פון ווילנער ראבינער שולע. א טייל פון זיי (ווי אייזיק סטאון און נתן בערלין) האבן שפעטער געהאלפן בויען די ארבעטער יוניאנס, די ארבעטער צייטונגען א.ד.ג.

אין 1879 זיינען אויך געקומען אין לאנדאן די פאליטישע עמיגראנטן מאריס ווינטשעווסקי און א.וו. ראבינאוויטש וועלכע האבן אין 1884 ארויסגעגעבן דעם „פוילישן אידל" — די ערשטע יידישע ארבעטער צייטונג.

אין דעם רוסישן רעוואליוציאנערן זשורנאל „וופעריאד" פון פעטער אַווראָוו איז דערשענען אן ארטיקל אין 1876 (זיכער געשריבן פון אהרן ליבערמאן) אז אין לאנדאן אליין זיינען דא 55,000 יידישע אימיגראנטן. דאס איז גאר א גרויסע גוזמא און א שטארקער טעות. אט דער טעות איז איבערגעכאזערט געווארן אין ליבערמאנ׳ס העברעאישן זשורנאל „האמת" אין זיין ארטיקל „היהודים בלונדון", אין ארבעטער פריינד" אין 1896, און אין די געשיכטע פון דער יידישער ארבעטער באוועגונג פון הערץ בורגין. (ארויסגעגעבן אין ניו־יארק אין 1915).

אין דער אמתן איז לויט דעם אפיציעלן צענזוס אין 1881 געווען „רוסן אין פאליאקן" (ד.ה. אידישע אימגראנטן פון יענע לענדער( 15,271.

צורעכענענדיק ביי 3,000 עמיגראנטן פון גאליציע און רומעניע און א געוויסן צאל וואס איז ניט אריין אין צענזוס, קען מען רעכענען אז די צאל פון די יידישע אימיגראנטן איז געווען קרוב 20,000, א העלפט פון זיי אין לאנדאן. אט די פארהעלטניסמעסיק קליינע צאל מזרח אייראפעאישע אימיגראנטן זיינען אבער פון גרויס וויכטיקייט. זיי האבן געלייגט דעם עקאנאמישן און סאציאלן פינדאמענט פאר דעם גרויסן בנין וועלכער האט שפעטער (נאך די רוסישע פאגראמען פון 1881) ארייגגענומען די צענדליקער טויזנטער נייע יידישע עמיגראנטן פון מזרח אייראפע וועלכע האבן געשאפן דא אין לאנד דעם צווייטן גרעסטן יידישן ישוב אין אייראפע, וואס לעבט אין א גוטן מאטעריעלן צושטאנד, און ציילט איצטער כמעט א האלבן מיליאן נפשות — כן ירבו.

---

**מיר בעטן אונזערע אַבאָנענטן, זיי זאלן צושיקן זייער אַבאָנאמענט אָפּצאָל.** דערמיט וועלן זיי פיל פארלייכטערן אונזער אַרבעט.

---



## יוסף לעפטוויטש

### יידיש

אידיש איז נישט טויט
צו טאָרגען אַ סויוועַ,
אַ קלייד, וואָס מען טוט נישט אויס
פון קאָפּ ביז די פיס.

זי איז מאַמע־אידיש,
נישט קיין יונג־נאַרישע כלה.
זי קאָן אָנטאָן וואָס זי וויל
און זי קאָן אַליין באַשיידען.

אידיש לעבט
זי בייט איר קלייד,
און קלייב־צו נייע הייבלעך
פאַר איר ליבליכקייט.

איבערגעזעצט פון ענגלישן א. לעילעס

## משה דאמב

### פון טאל ביזקל לאנדאן

(דערציילונג)

מיר האבן געוווינט אונטערן שטעטל אין א טאל, פון אונזער הויף האט מע געקאנט זען דעם שטעטלדיקן רוים און די בלא־פאספארנע פארנעפלדיגע שטילע געסלאך מיט א פארשטימטן אומעט, מיט א ריח פון פלאך איינגעגראבענע בוימער־ווארצלען, נעבן אונזער הויז האט שטיל געשורצט א טייכל און ארום דעם טייכל האבן געוואקסן הויכע גראזן, די משוגענע צביה, משה גארבערס טאכטער, האט דארט געפאשעט צוויי קאזעס אויף א גאר לאנגען שטריק, דערביי האט זי כסדר געזינגען:

אין אונזער שטעטל שמעקט אין זומער פון גרינעם קארן
און אין ווינטער וואקסט ביי מענשן און קאזעס דער הארן.

אריבער איבערן טייכל, האט געוווינט משה גארבער אין א נידריקע הייזקע, באדעקט מיט גרין מאכיגע שינדלען, פיטשינקע פענצטערלאך, ארומגעשטעלט מיט בלומען טעפ, אויפן הויף האט געשמעקט פון טזשעגעכץ און אויסגעארבטע פעל, סע זענען דארט געווען לאנגע דרענגער, סע האט געהאנגען און זיך געטריקנט די געווייקטע פעל, דארט זענען געווען טיפע גריבער מיט פעסער, אווו סע האבן זיך געווייקט די פעל, שבת איז דארט געווען שטיל, בלויז די משוגענע צביה האט געפירט די קאזעס צו די גראזן.

שבת נאכמיטאג, האבן זיך משה גארבערס בנים אוועקגעזעצט פאר זייער הייזקע, געקנאקט באניעקערן און הויך געלאכט, דערציילט זיך מעשיות. קעגנאיבער משה גארבערס הייזקע, האט געוווינט לייזער דער שטומער שניידער מיט זיינע צוויי שיינע יונגע טעכטער, רבקהלע און שיינדעלע, ווי נאר לייזערס מיידלאך האבן דערזען משה גארבערס בנים, האבן זיי געכאפט שנעל אויף

זייערע קעפ די זומער שאלן און פאוואליע זיך צוגערוקט צו די באנק ווו סע זענען געזעסן משה גארבערס יונגען. באלד איז אנגעקומען שואל פויערס זון, הערשעלע דער שטארקער. ער איז געווען זער ברייט פלייציג, הויך געוואקסיג, א קאפ געקרייזעלטע האר. ווי נאר הערשעלע איז צו זיי צוגעקומען, האבן זיך די מיידלאך געוויטעלט אויפן פנים און מיט שטילע שעמעוודיקייט געשוויגן. הערשעלע פויער האט פריילאך געקנאקט מיט זיינע פינגער און דערציילט ווי אזוי ער האט געדינט אין בעלא קונם ארמיי אין אונגארן. נאכדעם איז ער פון דארט אנטלאפן קיין ארגענטינע, אבער סע האט אים אזוי געצויגן צוריק צום שטעטל, צו די געסלאך, צו די מיידלאל, צום טאטנס סעדער מיט די געטריקנטע פלוימען, צו די טייכן מיט פיש, צו די פארשנייטע הייזקעס אין ווינטער. אפילו צום טזשעגעכץ ריח פון דער שכנתדיגע גארבעריי. נאכדעם האט הערשעלע זיי אלע גערופן צו מאלינאוווסקים סאד, דארט זיך געזעצט אויפן שמעקנדיקן גראז נעבן א נידריגן עפל בוים, געגריזשעט עפל און מיט פרייד דערציילט, ווי ער איז געווען אין לאנדאן, געוווינט ביים טאטנס א חבר און לאנדסמאן וואס שטאמט פונם זעלבן דערפל וואס זיין טאטע. ער האט זיי דערציילט אז איבער די גאנצע וועלט מיידלאך, זענען די ווייטשעפלע מיידלאך די שענסטע אין די בעסטע טענצעריגס, מע עסט דארט געפרעגעלטע קארטאפל פענעצלאך מיט געבראטענע פיש, באגאסן מיט עסיג און זאלץ, אוי, ווי גוט דאס איז... האט ער זיך הילכיג צעלאכט.

אין דעם טונקעלן שבתדיקן בין השמשות, האבן גרילן פארבענקט און מעלאנכאליש געגרילט פון שמעון בעקערס בעקעריי, פון בריי־הויז האבן די הונט געבילט מיט פארדעמטע און אומעטיקע קולות, זשאבעס האבן פארבענקט געקוואקעט פונם לאמען יוסל'ס מיל, איבער די יידישע שטעטלדיקע געסלאך, האט מע געהערט פון די אפענע פענצטער די ניגונים פון שלוש סעדות, פונם אונטערן שטעטל האט געשורצט דאס טייכל, סע האבן זיך געשושקעט מיט א הילכן די הויכע טאפאלןביימער און קוסטעס, ווייט ווייט, ערגעץ אוועק האט געמורמערלט דער שווארץ־גרינער וואלד, א שטילער אומעט האט זיך געשפרייט איבער די פארבענקטע ווייטקייטן פון די אונטער שטעטלדיקע פעלדער.

מיט וויל יונגערישע חכמהדיגע אנגעשטעלטקייט, האט דאמאלט שבת ביינאכט, הערשל פויער פארבעטן אלע געסלדיגע יונגען און מיידן, צו דוד שוסטערס גרויסע שטובען, דארט האט מע אויפגעשטעלט א גרויסן פאס ביער און הערשל אליין האט געפלומפט די ביער־מאשינקע, אליין אנגעגאסן די גלעזער ביער, די שיינינקע בלא אויגיקע בלאנד לאקיגע פערעלע דעם שוסטערס, האט געטיילט געזאלצענע מצהלאך, באבעס מיט ארבעס, נאכדעם האט מע געטאנצט ביז פארטאגס ווען סע האט שוין געשיארעט דער הימל, ווען סע האט זיך געהויבן אויף מערב א רויטע זון און די פייגל האבן פריידיג און לוסטיג געשוויטשערט, האבן זיך אלע ארויסגעשארט שטילערהייט פון דוד שוסטערס שטובען און מע איז געגאנגען שפאצירן צום שידלעווער וועג, הערשל האט אויסגעקליבן דאס שענסטע מיידל, פערעלע דעם שוסטערס און זי גענומען



אונטערן ארעם און מיט איר אוועק צום בעריאזע וועלדל, דארט האט ער פאר איר געזינגען לידיש פארטרויערטע ליבעם לידער, זי ארומגענומען ביים שניי־ווייסן שלאנקן האלדז, געשראקן זי צו קושען האט ער כסדר געקושט אירע רויטע עין הרע קרעלן, געשושקעט איר שטילינקע ליבעס ווערטלאך, די שיינע יונגעטשקע פערעלע האט זיך געשראקן און גלייכצייטיק געשעמט, האט זי געשוויגן, טיף געזיפצט, דאך האט זי טיף ביי זיך ליב געהאט דעם ברוטאלן שטארקן פריילעכן הערשלען, פלוצלונג האט זי אים מיט שרעק א פרעג געטון: האסט מיך טאקע ליב?... נאכדעם איז זי פארשוויגן געווארן, ווען הערשל האט דערהערט די פראגע, האט ער זי שטארק ארומגענומען אין זיינע פעסטע ארעמס און באדעקט איר זייף שמעקנדיקן קאפ־האר מיט תאוודיקע קושן פונקט איז דאמאלט אנגעקומען דעם שטומען לייזערס טעכטער, ווי נאר שיינדעלע האט דערזען ווי הערשל האלט אין זיינע ארעמס פערעלען און קישט זי, דאמאלט איז זי ארויס מיט א מענה לשון: די הערשעלע ממזר... האסט מיך געקושט אזוי אין מאלינאוווסקיס גארטן היינט נאכמיטאג... דו פאלשער... פאר צוריק קיין בוינע... דו געמיינער לאבוז... שיינדעלע האט מיט כח ארויסגעריסן פערעלען פון הערשלען און מיט א ברוגז בייזערדיק פנים איז זי צוריק געגאנגען צום שטעטל.

הערשל האט חתונה געהאט מיט פערעלען, דערוואקסענע און קינדער זענען געלאפן זען די חופה ביי די שוהל, פערעלע האט אויסגעזען ווי א בת מלכה און הערשל ווי א פרינץ. זיבן טעג און זיבן נעכט, האט מע געהוליעט אין דוד שוסטערס שטובען, עטליכע חדשים נאך דער חתונה, האט שואל פויערס לאנדסמאן פון ווייטשעפל געשריבן א בריוו אז ער פארלאנגט דוכאויס אז הערשל מיט זיין ווייב זאלן קומען קיין לאנדאן הערשל האט געקנאקט מיט די פינגער און געפאטשט מיט די הענט פאר פרייד, שיינדעלע האט געוויינט פאר פרייד, זי האט זיך כסדר געפרעגט הערשלען... זאג מיר, ווו שטעקט ערגעץ די שטאט לאנדאן?... א נאכט פארן אוועקפארן האט מע אויפגעשטעלט א גרויסן פאס ביער, מע האט געטרינקן און געזינגען: „אוי, יאשקע פארט אוועק"... מע האט זיך געקושט, לייזער שניידערס טעאכטער האבן געזינגען: „אוי, לאמיר זיך איבערבעטן"... מע האט זיך געווינשן אלדאס גוטס, אלעמענס אויגן זענען געווען גוועגדעט צו הערשלען און פערלען, פערעלע האט געהאט פארוואסערטע אויגן און שטיל געשעפטשעט: מיין טאטעשי, מיין מאמעשי... פארטאגס ווען א גרויסע דראשקע איז צוגעפארן צו דוד שוסטערס הויז האט מע שנעל ארויפגעלייגט אלע פעק און פערעל מיט הערשלען זענען אוועק קיין לאנדאן.

אין לאנדאן איז הערשל געווארן א גרויסער גביר, פון ווייטשעפל האט ער זיך איבערצויגן צו גאלדערס גרין, געוווינט אין א פאלאץ, אז די לאנדסלייט האבן אים געפרעגט: נו, הערשעלע וואס מאכסט דו?... האט זיך דער אלטער מיסטער הערש צעוויינט: אלעס איז גארניט מיט גארניט... מע האט זיך אמאל געליבט, געקריגט, געפארן איבער די וועלט, ערט צוגעלייגט זיין רעכטע האנט צום הארצן און מיט געוויין א זאג געטון: סע ציט ווייטער צו אונזערע

שטעטליך אווו מע איז געבוירן, אוי גאט ! הלוואי זאל איך נאך קענען זען מיין טאטנס הייזקע מיטן מאכיקן שינדל דאך, די סעדער די טייכן, די פוילישע פעלדער, וועלדער, אפילו דעם בית עולם אווו סע זענע מיין טאטנס און מאמענס קברים . . . אוי גאט, אונדעזערע ליבע און אזוי הארציקע שטעטליך . . .

## שמואל ווהייט

### בן שמונים לגבורה

געווידמעט מיין ליבן פריינד דעם בעל־יובל י. ביעטש

אַכציק יאָר —
דער סימבאל פון גבורה !
נון זאל זיך דיין לעבן אויפסניי באַנייען
און גובר זיין די שטרויכלונגען
אויף די דארניגע וועגען.
דיין וועג איז נאך אַלאַנגער
טא זוך צו באַצווינגען דעם ציל —
פון דיין געגאַרט פארלאנגען.
באַווייזן זיך כמאַרעס ? —
פארליר ניט די האפנונגען
באווייזן וועט זיך אַ זון, אליכטיגע,
און פארטרייבן די פינסטערע שאָטענס,
ביז הינדערט און צוואנציק
איז נאך אלאנג לאַנגער שפאן
ווו שטורמיגע כוואלעס
הויבן זיך און פאלן —
זיך דעם ים ברעג מיט זיכערקייט
צי דערגרייכן —

## עלע זילבערג

### אין פעלד

בלומען רויטע, בלומען געלע,
בלומען שמעקעדיקע זיס,
פעלדער מיט מיליאנען בלומען
אויסגעשפרייט פאר מיינע פיס.

וואלקן בלויע, וואלקען בלאסע,
יאגן זיך, ווייסט גאט א וואו.
לויפן איינער נאך דעם צווייטן,
ניט געפינענדיק קיין רו.

בוימער הויכע, בוימער שטאלצע,
היטן שווייגענדיק דאס פעלד,
אין א שטילקייט ווי פארצויבערט,
דרעמעלט זאַנפט די גאנצע וועלט.

ליגט דאס פעלד ווי א יונגע מאמע,
פון איר קימפעט בעט ארויס,
א צובליטע, א צוהיצטע,
גאט, ווי איז דיין וואונדער גרויס !

דא מיט דער נאטור פערבונדן,
היילט מיין הארץ זיך אויס פון לייד.
ווייט אוועק פון שטאט און מענשן,
ווערט מיין האפנונג אויך באנייט.



## א. נ. שטענצל

### שלמה מלך (שלום פון קאַפיטל)

ווען נאך לאנגע שעהן פון ווארפן זיך צווישן טויט און לעבן דאס קינד איז שוין געבוירן געווארן, און די מקשה־לילד אין גרויסע ווייען, אן סימן לעבן, אן א טראפן בלוט אין פנים האט דאך דערהערט פונם דאקטאר, ווי א קול פון יענער וועלט, נאך א פארמאָל איבערחזרן און מונטערן זי : „א ייִנגל, ס׳איז א ייִנגל, ס׳איז מיט מזל א ייִנגל !“, זיינען אירע ערשטע ווערטער געווען : „ס׳וועט הייסן נאכן טשעלאדזשער זיידן“.

די ווערטער זיינען געווען, בעטנדיק, צוזאגנדיק, געוואנדן צו עמעצן, מיט וועם זי האט זיך געסארפעט מיט די לעצטע כחות, און יענער הערנדיק פון איר די ווערטער, האט ער זי ערשט דעמלט אפגעלאזט, א באדנדיקע אין קאלטע אנגסטן, א ליגנדיקע אין אפגייענדיקן בלוט.

דער גאנצער שטייף־פארגליווערטער ארום, וואס איז געשטאנען מיט איינגעהאלטענעם אטעם האט צאפלדיק אויסגעלעבט און ס׳איז געגאנגען פון שטוב צו שטוב, געפלאטערט פון מויל צו מויל, א בשורה מיט טויבן־פליגל אנגעפלויגן פון ערגעץ : „ס׳וועט הייסן נאכן טשעלאדזשער זיידן“ —

און שפעטער, ווען שלוס מאיר איז געקומען צו לויפן אין בית־מדרש אריין, האט ער צוזאם מיטן „מזל־טוב, א ייִנגל“, איבערגעגעבן אין איין אטעם און מיט דער זעלבער פרייד : „ס׳וועט הייסן נאכן טשעלאדזשער זיידן“, ווייל אט דער זאץ איז דאך ערשט געווען דער לעבנס־צייכן פון זיין אין גסיסה שוין ליגנדיקער שוועסטער, צום לעבן א צוריק אפגעראטעוועטע.

די הויכע חדשים, וואס מרים ביילע האט אדורכגעמאכט, טראגנדיק דאס קינד — דאס פיפטע שוין ! — זיינען געווען די שווערסטע. א באהאלטענער געוויסנסביסן האט זי געגעסן, האט זי אויסגעמוטשעט : א נישט געסילוקטער חשבון מיטן מקום טשעלאדזש . . . מיט א „האלטקאווע“, סטיסעוועט זיך עפעס נישט. אין די לעצטע טעג איז זי ארומגעגאנגען ווי אין א נעפל ! און שוין ליגנדיק אין די ערשטע ווייען, האט ווי פון א דין־געוועבטן טיולעבעם שלייער א געטאקט נעזל צו איר ארויסגעשפיצט, מיט איין באוועג זי פון אויבן אראפ אראפגעווארפן און מיטן אנדערן זי אויפגעהויבן אין זיבעטן הימל אריין . . . ווי דאס האט ווי געטון !

ווען די ווייען האב זי שטארק אנגעכאפט איז עס אוועקגעשוועבט, איז עס געווארן אביסל צו קורץ . . . אבער ניין, עס איז נישט ! עס האט גראד אין דער מיט זיך אפגעשטעלט, מיט א וווּנק פון אויבן אראפ . . . א געטאקט, געשליפן נעזל, עס האט זיך געוואלט גויאיש אויפהויבן, שרומפנדיק זיך פארשארצן, יידישלעך זיך אראפלאזן מיט אַ שפיץ ? פעטלעך מיט א פונקט ? אבער עס איז געבליבן שטיין גראד אין דער מיט, געטאקט, מיט א שליף איינגעפאסט אין מאיעסטעטיש־פארשלייערטן פנים. און אט־א די צארטע, צירלעכע ליפן האבן דאס איר אונטערגעזאגט די ווערטער, וואס האבן זי אפגעראטעוועט און זי איז, דעם לעצטן אטעם נאך דערכאפנדיק, לעבן געבליבן.

פאר שלמהן איז געווען דער איבערגאנג פון טשעלאדזשער רבנות צום סאסנאווצער די גאנצע שווערקייט פון מוזן איבעררייסן א צוויי־דריי שיעורים, ביטול תורה פון א צוויי טעג. די שטילע מחלוקת וואס זיינען געגאנגען אונטער זיין רוקן און דאס איינארדענען די דירה — אחוץ נאטירלעך דאס אויסשטעלן די ספרים אין ריכטיקן סדר! — דאס אלץ האט שוין אברהם יצחק אדורכגעפירט און דערליידיקט. שלמה האט לגמרי נישט געוווסט, אז דאס פארלאזן טשעלאדזש איז געווען דאבעלעס קאפ; דאבעלע די שוחטקע, וואס האט נישט געוואלט לאזן צוריקפארן די טאכטער פון דער דאטשע, אין עלקישער וואלד, צוריק קיין טשעלאדזש: „איך שווער ביי מיין לעבן, אז דו פארפט נישט מער צוריק... איך האב מורא פאר דער מחתנתטע... די שוויגער, די האלטקאווע...“

און ווען זי, די מאמע פון פיר קינדער, מעוברתדיק מיטן פיפטן, האט זיך דעמאלט צעבעטשעט אין וואלד ווי א קינד, און ארויפגעפאלן מיט א שטיקנדיק געוויין אויף דער מוטער: „מאמע“, איז עס נישט נאר געווען ווייל זי האט מורא געהאט ווייל זי טאר נישט צעברעכן דער מוטערס שבועה, נאר ווייל זי האט געוווסט, אז דער מוטערס מורא „פאר דער מחותנתטע, פאר דער שוויגער, די האלטקאווע“ איז גאר איר אייגענע מורא; איר מוטער, דאבעלע די שוחטקע, האט עס נאר מיט איר געזונטן חוש דערפילט; א מאמע וואס דערפילט דעם באהאלטענעם ווייטאק פון איר קינד —

די שבתדיקע באזוכן, דאס „גוט־שבת ביטן“ אין דעם אלטן ירושה־הויז, די גרויסע שטוב מיטן נידריקן באלטן און שווערע פארגעלטע בעלקעס, דאס זיצן פאר איר מיט די קינדער און דעם דינסטמיידל ווי אויף פיסנבענקעלעך... דער צערעמאניעלער שבת־אויבס כבוד, דער פליגלדיקער נאז־באוועג ביי יעדן ריר... די שטימונג־ענדערונג, יעדע רגע — אן אייביק „באשאוען“!

מיט די ערשטע אויפגעוואכטע ווערטער „נאכן האבן“ האט זי געפילט ווי א שווערער שטיין איז איר פון הארץ אראפגעפאלן, זיך אראפגעקאלערט, — אלץ איז געסילוקט! קיין שום חשבונות מער מיט קיינעם — דער חשבון איז צדק!

און שלמהס ערשטע ווערטער צו מיר, ווען ער האט מיך דערזען, שפאנענדיק אין זיין פארדבקהטקייט, זיינען אויך געווען: „עס וועט הייסן נאכן טשעלאדזשער זיידן“! ער האט געוווסט, אז דאס וועט דער מאמען אנטון גרויס נחת.

אין לשון־קודשדיקן בריוול, פול מיט שבחים צום רבונו־של־עולם, וואס שלמה האט כעלות, ווען ער איז געגאנגען אין מקווה אריין, מיטגעגעבן מיטן טשעלאדזשער מילכיקער, זיינען אויך די דאזיקע ווערטער געווען אויפגעשריבן אין יידיש. און אין מיין בריוול, וואס איך האב מיטגעגעבן מיט מאנעלען, אז מ׳זאל מיר שיקן די אטלאסענע ייביצע און דאס סאמעטענע היטל, ווייל איך וויל דא בלייבן איבער שבת, כדי צו זיין אויפן זכר, זיינען זיי אויך געווען מיין ערשט שורה־גריסל; א פערטיקער זאץ, וואס האט געקלונגען ווי א פערז: „ס׳וועט הייסן נאכן טשעלאדזשער זיידן“...



יידישע אותיות שרייבן האב איך געקענט. האט דאך מיך דער טאטע אויסגעלערנט זיי שרייבן דעמאלט, ווען כ׳בין אראפגעקומען פון חדר מיט א געוויין: „אלע יינגלעך לערנען זיך שרייבן, און איך נישט“.

אויפזוכן מאנעלען אויף דער פלאטפארמע פון דער איוואנגאראדער באן־סטאציע צווישן די טאווארווע וואגאנען, ווו מאנעלע האט אויפגעלאדנט אויף זיין וועגעלע זעק מיט קארטאפל, כדי אים מיטצוגעבן דאס בריוול, איז שלמה מלך מיט מיר מיטגעגאנגען. און טאקע דארט איז אים איינגעפאלן און באלד מיט מיר איבערגעשמועסט, אזוי ווי איך בלייב דא שבת און פרייטאג איז קיין שיעור נישטא, זאל איך מיט אים מיטפארן אויף איבערן טאג קיין פארעמבקע, איינגאנצן א האלבע שעה פון דא, א פזשיסטאנעק פאר זאמקעוויץ.

אז איך האב געהערט זאמקעוויץ, האב איך שיעור אין בריוול פארגעסן, און אז איך זוך מאנעלען, אזוי האב איך מיך אנגעכאפט דערין: „דער זאמקעוויצער וואלד!“ כאטש נעמען און שוין פארן... א נס וואס א פאר שריט פון אונז האט זיך באוויזן מאנעלע מיט זיין פערד און וועגעלע.

נישט נאר מאנעלע, ווען ער האט מיך דערזען, האט זיך דערפריידט מיט מיר און איז געבליבן שטיין מיטן זאק אויף די פלייצעס, פארגעסנדיק אים ארויפצווארפן אויפן וועגעלע, נאר דאס פארמאטערטע פערדל, אפנים, האט מיך אויך דערקענט. עס האט אנגעהויבן נערוועז צו שארן דא מיט איין פוס, דא מיט א צווייטן, צו שנאפן מיט די פייכטע נאזדרעס און ארויסלאזן אזעלכע הייזעריקל־פריילעכע הירזשעס: „איז ערר נישט יענערר פאששוין?“ דער קאפ האט זיך אים אנגעהויבן צו דרייען, ווי עס וואלט געשטאנען אויפן הויף פון דער זאדעפאבריק און געדרייט דעם קלאץ. די אויערן באוועגן זיך אים דורכזיכטיק דין און נערוועז. עס האט קוים געקענט מיך אנקוקן, מיט דער מארדע אין זאק שעצקע און די קלאפעס איבער די אויגן... גאנץ טשעלאדזש איז מיר געשטאנען פאר די אויגן.

אז מיר זיינען פרייטאג ארויסגעקומען נאך פארעמבקע, בין איך ממש משוגע געווארן; א יונגער זשרעבאק, וואס מ׳לאזט ארויס פון א דושנעם, פארמיסטיקטן שטאל אויף א פרישער, זון־באגאסענער, גרינער לאנקע. כ׳בין נישט געגאנגען — כ׳בין געשפרונגען, ווי מיינע פיס וואלטן טאקע געווען געפענטעט. שלמה מלך גייט פארויס און איך שפרינג אים נאך און לאז ארויס פון מיר הירזשענדיקע קולות.

צום דארף גופא איז נאך א מהלך צוצוגיין, אבער נישט ווייט פון דער סטאציע, אויף א פרייען פליין, שטייט א צוויי־שטאקיק, הילצערן הויז. א דין רויכל ציט זיך פארזיכטיק, פאמעלעך פונם קוימען, ווי ס׳וואלט מורא געהאט ס׳זאל נישט אונטערצינדן דעם שטרויענעם דאך. קיין טיר, קיין פענסטער זעט מען נישט. איבער דעם גאנצן פראנט, צוויי לאנגע וועראנדעס; אויף דער אונטערשטער זיצט א שוסטער און קלאפט פלעקלעך אין א פויערישן שטיוול, אויף דער אויבערשטער, א שניידער געבויגן איבער א מאשין און יאגט דאס רעדל. זינגען זיי זיך איבער איינער מיטן צווייטן, שמועסן זיי זיך איבער? פון אונטער די קראקוועס טערקלען די טויבן, אויפן דאך טשוויטשערן די שוואלבן,

און מיטן דרייענדיקן רויכל אין הימל אריין פארגייט זיך א פישטשעדיק פיטשעדיק פייגעלע פאַרלוירן אויבן אינם בלוי, אז דאס האַרץ קאן אויסגיין.

דער שוסטער איז געווען א שטיקל קרוב פון שלמה מלכס פאטער. אין 1905 איז ער געווען אן „אחדותניק“. ביים אוועקלייגן יאקאביקן האט ער אויך געהאט א שטיקל האנט דערין. דאס ווילערישקייט האט מען נאך געקענט זען אין זיין טשופרינע, וואס האט זיך קענזשערדיק מיטגעווארפן מיט יעדן פלינקן קלאפ פונם האמער. און ווען ס׳איז געווארן „ענג“ און די, וואס האבן מורא געהאט, האבן אנגעהויבן צו פארשווינדן; און א ווייב מיט צוויי קינדערלעך האט ער אויך שוין געהאט, האט ער געפונען דאס הילצערנע הייזל דא אין פאַרעמבקע. ברויט איז געווען. שטיוול און שטיוול, לאטעס און זוילן, ס׳האַרץ איז אים אויסגעגאנגען נאך א חבר, נאך א ייד — כאָטש הענג דיך אויף, אויף א דראַטווע!

און ווען שלמה מלכס פאטער האט אנגעהויבן הוסטן און דעכען, און ד״ר פערלמאן האט געזאגט, אז די איינציקע רפואה איז דער זאמקעוויצער וואלד, האט ער אים אפגעגעבן די אויבערשטע וועראנדע. און ווי דער אונטן האט ס׳גייעס ארום, די פויערים און ארבעטער, באשוכט, האט דער אויבן זיי באקליידט. א גאנצע וואך האבן זיי זיך איבערגעווארפן מיט א ווארט, מיט א לידל. שבת האט מען ביים שוויגער אין דארף צוזאמענגעשטעלט א מנין, און זונטאג זענען צום שוסטער ארויגעקומען צוויי סלאווקאווער שקצים פון דער נאגל־פאבריק און געהאלטן אין איין שמועסן און סודען זיך . . .

ווען דער שוסטער האט אונז דערזען, האט ער א ווארף געגעבן דעם קענזשער איבער די פלייצעס און ארויפגעשריגן: „אפרים, דיין פויגל איז שוין דא“. און דערזעענדיק מיך, מיט מיין ווילדער נתפעלדיקייט, האט ער א נאך פריילעכער צוגעלייגט: „און ווער איז דער הינקענדיקער באטשאן?“

זאנוועלע דער שוסטער, דער קרוב, האט נישט געהאלטן פון דער גאנצער מעשה מיט דער ישיבה: „ס׳איז דיין שפרהלעס קעפל. א רב וויל זי פון אים מאכן, א כלי־קודש . . . און האט ער טאקע אזא קעפל, וועט עס ,אונז׳ אויך צונוצקומען. מיין נאך נישט, אז די וועלט גייט שוין אונטער. מיר וועלן זיך נאך מיט איר אן עצה געבן . . . געדענקסט דעמאלט יאקאביקן? די גאנצע שטאט האט געציטערט פאר אים! דער ,קאמיטעט׳ האט באשלאסן, און פערטיק . . . מיין נישט, אז די וועלט וועט זיך לאזן פירן פאר דער נאז פון ניקאלייקע־ראספוטין“.

זאנוועלען איז נישט קיין חילוק געווען צי אפרים שניידער הערט זיך צו צו אים, וואס ער רעדט, צי נישט. ס׳איז אים וויכטיק געווען, אז ער רעדט נישט גלאט אין דער וועלט אריין; אז אויבן זיצט ווער, אז ער הערט קלאפן איבערן קאפ א זינגער־מאשין. „גלויב מיר, ווע דו נעמסט אים צו צו דער מאשין אדער גיסט אים מיר איבער צו מיין בענקעלע, וואלסטו גלייכער געטון. ה׳ שיקן אים קוועטשן די באנק און עסן טעג. וואס וועסטו מאכן פון אים? א דארמאיעדניק! ער האט א גוט קעפל, זאגסטו? זאג איך דיר, אז ער האט גאלדענע הענט. איין פיפס אין סלאווקעוו אויף דער נאגל־פאבריק, און זיי



נעמען אים אריין“.

ער בלייבט שטיין מיטן האמער אין דער הייך, קרעקנדיק זיך מיט א פול מויל הילצערנע פלעקלעך: „באשר בכן ער הייסט שלמה מלך, א נאמען נאכן זיידן, דאס זשארנאווצער דיינדל, מוז ער אויסשפייען די לונגען אזוי ווי ער . . . קוק אן דאס הברל זיינס, וואס ער האט זיך דא מיטגעברענגט, שטייט ווי א פלאקן און גאפיעט . . . א פשיק!“ גיט ער א שפיי אויס א מויל מיט טשוועקלעך און פאר כעס נעמט דער האמער ווילד ארבעטן און דער קענזשער ווארפט זיך מיט אין אלע זייטן.

איך האב מיך גארנישט געקענט אוועקרירן. דאס שפייען פון די פלעקלעך און דאס שפרינגען פון דער טשופרינע האט מיך נאך מער פארכאפט ווי פריער דער אויפגעהויבענער האמער און דאס ארויפשרייען ארויף צו דעם זיך פלינקיאָגנדיקן מאשין־רעדל.

שלמה מלכס פאטער האט זיך צומאל קיין צייט נישט גענומען אויפצוהייבן די קורצזיכטיקע אויגן און א מרוזשע טון צו זיין זון אדער א ווארט אראפצווארפן זאנוועלען. — וואלט ער געזונגען א לידל, וואלט ער מיטגעהאלפן, אבער זיך אדורכשמועסן האט ער קיין צייט נישט; איידער ס׳קומט דער שבת מוז ער פערטיק מאכן דעם סוקמאן אויף דער כאסלערע פאר זונטאג צום „שלוב“.

שלמה מלך האט מיך אריינגעפירט צו דער מוטער אין שטוב אריין. א שטוב ווי א וואלד איבער דער גאנצער גרויס פון הויז. אויב פון דרויסן, פון די אנדערע דריי זייטן, מיט די צעפראלטע פענסטער, צעפונקלטע אין דער זון, זעט דאס הויז אויס ווי אן אנגעצונדענע לאמטער, איז אינעווייניק געווען ווי א סטאדאלע, ווי א שאפע. די געטשעסעטע בעלקעס פון די ווענט ציען זיך ארויף ביז צום שטרויענעם דאך. אין דער הויך א יונג געטשוויטשער פון שוועלבעלעך, די מאמעס פליען אריין און ארויס פון די נעסטער, מיט שטרויעלעך אין די פיסקלעך — אויפן הימל א יאריד! און אונטן — דער הארמידער לכבוד שבת.

די בעטן ארום די ווענט זיינען טאקע שוין צוגעבעט, די פאדלאגע געשייערט און אויסגעשיט מיט פרישן זאמד. אבער דער טיש אינמיטן שטוב נאך אנגעשטעלט מיט שיסלען, מיט טעפ; א צעשניטענער סאנדאק, א צעבלוטיקטער אין דער זון, גלאצט מיט גרויסע, פארגליווערטע אויגן. אויף דער ערד זיצט א מויד מיט א צעשויבערטן קאפ, א רויט־פארשוויצטע, און פוצט א מעשענעם לייכטער צווישן די צעשטרעקטע, נאקעטע פיס. פון דער צעלעכטער פאדלאגע, אויף וועלכער מיר טרעטן, הילכט עס אפ מיט יעדן טריט, און פון די שפאלטן צווישן די ברעטער קומט ארויף א געשריי פון א יידענע איבער די זינגענדיקע קינדער: „גייט ארויס צו אייער טאטן און העלפט אים“.

אז „שפרהלע“, שטייענדיק ביי דער קיך, האט דערזען איר שלמה מלכן, האט איר סמוטנע־פארזארגט שטשופלע פנים גאנץ אויפגעלויכטן. די קנייטשעלעך האבן זיך אויסגעגלעט. באשיינט פונם פלאם פון דער אפענער פייערקע, האט זי איצט אנשטאט עלטער גאר יונגער אויסגעזען, ווי א שוועסטער און

א ברודער האבן זיי אויסגעזען. מ׳האט בפירוש געזען ווי א גאנצע וואך ווארטן זיי איינס אויף ס׳אנדערע.

„שפרהלע“ איז א זשארנאווצערין . . . כ׳האב באלד דערקענט . . . זי זעט דאך אינגאנצן אויס ווי אברהם זשנארנאווצערס מוטער . . . „דאס איז דעם ראש־ישיבהס ברודער, מאמע“, האט מיך שלמה ארויסגעריסן פון מיין גאפיע־דיקן געדאנק, און אלץ קוקנדיק אויף זיין מוטער האב איך הויך געזאגט: „כ׳זע דאך . . . כ׳האב אין דיר גארנישט דערקענט, אבער דיין מאמע זע איך דאך איז א זשארנאווצערין“.

„נו, אודאי“ איז די מוטער שוין געווען אן אייגענע, א נאנטע ווי אברהמס מוטער, אסתרל די זשארנאווצערין: „איך בין ר׳מלכל דיינס יונגסט אייניקל“.

שלמה מלך האט אונז ביידע, די מוטער און מיך, אנגעקוקט פארחידושט, נישט געוווסט וואס דא קומט פאר . . . די שוועסטער האט נאך אלץ נישט אויפקעהויבן די אויגן פון שייערן די לייכטער. אירע צייטיק־רויטע פולע באקן פון א דארפסמיידל האבן באקומען אן אומנאטירלעכע פלאמיקע רויטקייט — די שוועסטער האט ער דווקא יא פארשטאנען! — זיך קונדאסדיק אראפגעבויגן צו איר און געלאכט איר אין די אראפגעלאזענע אויגן אריין: „שרהקע, דו זעסט גארנישט, אז איך בין געקומען? קומט מיר נישט קיין שלום־עליכם?“

און איידער מיר האבן זיך אומגעקוקט, איז שוין געשטאנען אויפן טיש א יאישניצע פון זעקס אייער, און די מוטער איז געשטאנען איבער אונז, אז מיר זאלן גארנישט איבערלאזן: „קינדער, גייט ארויס און לאזט מיך מאכן דעם שבת“. אינצווישן איז שרהקע שוין געשטאנען הינטער דער פארהאנג, ווייט הינטן, אין צווייטן עק אין ווינקל און זיך אנגעטון די זאקן. און די מוטער האט אהינגעשריגן: „שרהלע, נעם דאך דער שבנטעס קינדער און גיי מיט ארויס, וועט זי קאנען אריינברענגען דעם שבת. הערסט ווי זי יאגט זיי צו זאנוועלען? ס׳וועט זיך אנהויבן דאס אמתע זמירות־זינגען, און דער טאטע מוז דאך דעם סוקמאן נאך היינט פערטיק מאכן“ . . .

אין מיר איז שוין געווען אינגאנצן שטיל, א נחתדיקע רואיקייט האט מיך ארומגענומען: די געשמאקע יאישניצע פון די אקארשט געלייגטע אייער מיט די פריש־אריינגעשניטענע ציבולקעלעך. די געזונטע מויד מיט די נאקעטע פיס און רויט־צעגלאנצטע בעקלעך, דאס גרינלעך־שטשופלע מאמעלע, דער וווּנדערלעכער ארום, דער שטרויענער דאך אזא גרויסער נעסט, כאָטש נעם און צעצטשוויטשער דיך — „כי אדם עץ השדה“.

מען זעט נאר אין רגעס און מ׳לערנט בלויז אין מינוטן, און גאנצע טעג איז א כשר מעלה־גירהן אדער א געזונט פארדייען. און די יארן רעדלען זיך ווי זיי שטאמען אונטער דער קארע —

דאס געטריף פון דער שמעקעדיקער זשיוויצע הערט גארנישט אויף! עס טריפט ממש אין הארצן אריין און אויבן דאס געטשוויטשער פון כלערליי פייגל: „שלמה מלך, לאָמיר שפילן יאָגעלעך“ . . .

מיר זיינען געגאנגען אלץ טיפער און טיפער אין וואלד, אלץ טונקעלער און ריחות־שמעקעדיקער, און שלמה מלך האט געהאלטן אין איין ארייגרעדן



אין מיר — נישט, אז ער האט פארלאנגט א תשובה פון מיר, אן אפווענדונג; ווי זאנוועלע ארויף אויבן צו זיין פאטער, האט ער אין מיר אריינגערעדט. ער האט געברויכט פשוט עמעצן, א נאנטן, א חבר, דאס הארץ זיך אראפצורעדן. — און איך האבן אים נישט איבערגעריסן. אונטער די פיס נאר האט א קנאק געטון א פאראיאריק אראפגעפאלן צווייגל. פון א בוים פאלט א שישקע, א שטיקל בלויער הימל רייסט זיך אריין צווישן די גרינע צווייגן. בין איך שטיין געבליבן א פארגאפטער־פארלוירענער ביז שלמה מלך האט ווידער אנגעהויבן:

„אז כ׳קום אהיים און כ׳זע די מאמע, ווער איך א טויטער. אלע מיינע באשלוסן פליען מיר פון קאפ ארויס . . . איך ווייס דאך וואס זי וויל, וואס זי וויינט אויס די גאנצע וואך. איך בין איר איינציקע טרייסט . . . דער זיידע איז שוין געווען אין די לעצטע יארן, האט ער איר שנעל דעם קעפ צוגעדעקט; זאל זיין מיט א שניידער־געזעל . . . און איך מוז דאס ציען ווייטער דעם זיידנס זיידענעם פאדעם . . . פארשטייסט? . . . ער רייסט זיך, כ׳קניפ אים צו, פאַרשטייסט . . . כ׳בין שוין נישט איינמאל געווען אויפן וועג ביי דער גרענעץ מיט א פעקעלע אונטערן ארעם צו פארן קיין ברעסלוי אין ראבינער־סעמינאר אריין, און פון דארטן גייט עס שוין ווייטער, ווי זשעזשאק האט עס געטון . . . איצט איז ער אַ פראָפעסאָר אינם הערצל־גימנאַזיע אין ירושלים. ד״ר פערלמאן, פסחזאן, מערקין, זיי ווילן מיר העלפן“. ער פאלט מיר אויפן אקסל און צעוויינט זיך.

איך בלייב שטיין מאכטלאז. איך גלעט אים דעם קאפ, עפעס פארשטיי איך, דא גייט אין זאכן שטארקער נאך פון לעבן און טויט: „שלמה מלך, מיר האבן דאך א טאטן אין הימל, וועסט זען, עס וועט אלץ זיין גוט“.

איך שפיר אויף מיין אקסל, אז זיין צער איז נאך טיפער: „ווייסט וואס, קום דאך צוריק קיין סאסנאווצע, וועסט זיין אויפן זכר“.

„אברהם נחום“, הייבט ער אויף א פאר פארטרערטע, לאכנדיק אויגן און קוקט מיט חברישער גוטסקייט: „ווי נאאיוו דו ביסט, אדער אפשר ביסטו גאר גערעכט . . . כ׳וואלט גערן מיט דיר צוריקגעפארן, אבער דו ווייסט גארנישט וואס דער שבת מיינט פאר מיין מאמען. די גאנצע וואך גרייט זי אים אן פאר מיר . . . האסט געזען ווי זי קוקט אויף מיר פונקט ווי דער טויטער פיש מיט די אויסגעגלאצטע אויגן“ . . . ער בלייבט ווײלע שטיל און הייבט פארטראכט אן: „און מיין נישט, אז דער זאנוועלע איז אזוי פשוט“ . . . אויבן זיצט דער טאטע אן אויסגעמאכטערטער פון א גאנצער וואך ארבעט. די מאמע לייענט הויך פון טייטש־חומש, און אונטן ניץ איך מיט זאנוועלען. ער רעדט אין מיר אריין, לייענט מיר פאר פון זיינע ביכלעך . . . מיין נישט, אז נאר אין בית־מדרש זיינען דא שאפעס מיט ספרים, ס׳זיינען נאך דא אנדערע, גרעסערע און פיל אָנגעפאקט . . . דער זאנוועלע האט א שייבן־שענקל פול מיט ביכלעך און ווי ער שפיגלט זיך אין זיי . . . און ווי ער קאן זיך קאכן: ׳מיין נישט, אז מיר וועלן זיך אייביק לאזן. קוק אן דיין טאטן ווי זיי האבן אים אויסגעזויגן ביז צום לעצטן בלוט־טראפן . . . מיין נישט, אז דיין מאטקע, שפרהלע, דעם דיינס אייניקל, וועט פירן די וועלט ביי דער נאז . . . דיין טאטע האט טאקע קיין

כוח נישט, און דו שארסט דיך ביי די נגידישע טישן. אבער דאס רעדעלע פון דער מאשין קאן מען נישט צוריקדרייען׳ . . . אז זאנוועלע נעמט שיטן ווערטער איז עפעס דא צו הערן״.

מיר זיינען אזוי געקראכן, געקראכן ביז מיר זיינען ארויס אויף דער אנדערער זייט וואלד. די זון איז שוין געשטאנען א נאנטע צום האריזאנט, א רויטע, א צעהיצטע, א צעיאכמערטע, ווי זי וואלט זיך אויך געאיילט אהיימצוקומען אויף שבת.

„קום שנעל, מ׳מוז זיך צואיילן און גיך צוקומען צום פזשיסטאנעק. אויב נישט, וועט דער צוג דיך אפפייפן און דו וועסט מוזן דא האלטן שבת ביי ר׳זאנוועלען״.

לויפנדיק צום צוג, האבן מיר שוין געזען דאס שלשלתדיקע באנדל, ווי עס וואקלט זיך אויף די זון־צעגלאנצטע, רויט־שפיגלדיקע שינעס — מיר האבן עס דערכאפט.

ארויסקוקנדיק דורכן פענסטער א פארבענקטער, האב איך געזען אויפן פליין ווי שרהקע שפילט יאגעלעך מיט זאנוועלעס צוויי קינדער. ווען זי האט מיך געזען אין פענסטער, האט זי נישט אויסגעזען ווי פון זשארנאוועצ . . . אפשר ווען אברהם וואלט געהאט א שוועסטער, וואלט זי אויך אזוי אויסגעזען . . .

* * *

זונטאג נאכמיטאג איז דער טאטע מיט דער מאמען געקומען צו פארן; אין לשון־קודשדיקן בריוול איז דאך געשטאנען, אז דער ברית וועט זיין באלד נאך „השכמה״ „ראשית זריזין מקדימין״ און דער עיקר ער וויל נישט מבטל זיין קיין תלמוד תורה דרבים, און אז ער איז אים מכבד מיט סנדקאות. קוים אביסל שפעטער האט שמעיה־שמייסער אנגעקנאלט מיט דער בריטשקע פון מילעוויץ און געברענגט די באבע חיה רבקה, אן אנגעלאדענע מיט „עזריאל־המלאך״, מיט פלעשלעך בוימאייל פון כענטשינער רבין, כדי די אלע נויטיקע זאכן זאלן זיין גרייט פאר דער „וואך־נאכט״.

די באבע איז אנגעפארן מיט רעש, מיט א ראזמאך פון אלטע צייטן נאך; ארויפקומענדיק, האט זי גענומען צוויי שטיגן מיטאמאל. אריינקומענדיק צו דער יולדת אין שלאף־שטוב און דערזעענדיק, אז דאס בעט איז נישט ארומגענומען מיט א פארהאנג, נאר פשוט אויף די פיר ווענט זיינען מיט נעגעלעך צוגעקלאפט פיר שיר־המעלותער, האט זי שיער נישט אוועקגעחלשט. ס׳האט גארנישט געהאלפן שלמהס פסקענען: „אפארהאנג ארום דער יולדת בעט איז נאר נויטיק וו די גאנצע דירה באשטייט פון איין שטוב, אבער דא, ברוך השם״ . . .

זי האט אים אפילו נישט געלאזט ענדיקן! מ׳האט געמוזט תיכף־ומיד ארומהענגען די יולדת בעט מיט יילעכער, ארומשטעכן די שיר־המעלותן מיט שפילקעלעך, דעם „עזריאל־המלאך״ געלייגט דעם קינד צוקאפנס.

דער טאטע האט גרוס הנאה געהאט פון דער גאנצער מעשה: „שלמה, עס וועט דיר גארנישט העלפן. וועסט מוזן אדורכארבעטן דעם גאנצן ,ספר האפ־



ראלניק׳ — ארבע שולחן ערוכס מיט אלע נושא כלים געניגן נישט״. און זיין באליבטער שמייכל האט ווידער אנגעהויבן צו שוועבן אין זיין ברייטער בארד.

יענע וואך, אין דערהיים, ווען די צוויי בריוועלעך זיינען אנגעקומען פון סאסנאוועצ קיין טשעלאדזש, איז יענער טאג פונקט געווען דער שווערסטער אין אונזער משפחה: דער טאטע האט דעמאלט איבער געשריבן דאס ירושה־הויז אויפן פעטער היימלס נאמען, און ס׳האט זיך ארויסגעשטעלט, אז נישט נאר מען וועט קיין גראשן נישט באקומען, נאר נאך אזויפיל און אזויפיל הונדערטער וועט מען נאך מוזן צוצאלן. אזוי האט דער הערש מענדל דעם חזנס, די מומע גיטעלעס איידעם, פארדרייט די היפאטעקן, דעם ערשטן, דעם צווייטן, מיט פראצענטער און מיט פראצענטער אויף פראצענטער און אויף אלעם האט ער געהאט „אונטערגעשריבענע״ צעטעלעך; און גיי ווייס וועלכע ס׳זיינען די ריכטיקע און וועלכע די נאכגעמאכטע — גיי פיר פראצעסן!

מ׳האט אונטערגעשריבן די אקטן, געחתמעט מיט לאק. די מאמע אין איר אויפרעגונג האט אינגאנצן פארגעסן אינם איינגעלייגטן טארבעלע צירונג. דער טאטע האט עס גארנישט געוואלט דערמאנען: ווידער חשבונות, ווידער גראשנדיקע הארץ־קלעמענישן און וואס וועט בלייבן דערפון? . . . „און טאקע וואס איז דער חילוק, עס בלייבט דאך אין דער משפחה״ . . .

און פלוצלונג פאלן זיי אריין ווי צוויי מלאכים, מאנעלע מיט דער בייטש אין דער האנט און דער מילכיקער מיטן ריח פון מילכיקס, און ברענגען די בשורה־בריוולעך. די מאמע איז ארויס פון די כלים ווען דער טאטע האט איר ארויסגעלייענט פונם לשון־קודש און וויזט עס איר שווארץ אויף ווייס: „ס׳וועט הייסן נאכן טשעלאדזשער זיידן״. טרערן פון נחמה האבן זיך איר געשטעלט אין די אויגן: אבי זי האט שוין געמיינט, אז די מרים ביילע איז, חלילה, א שטיק פלייש . . . ס׳איז אלץ געווען דאבעלעס קאפ! און איצט האט זי צוריק די קינדער . .. א נאמען נאך איר טאטן . . . א האלטעק וועט בלייבן דא־הי אין דער משפחה . . . עס וועט זיך ווייטער ציען . . .

צו וועמען זאל זי לויפן אויסשרייען איר פרייד? צו חיימלען אפשר, צו אסתר רייזלען? זי האט זיך געלאזט איבערן מארק און אריינגעפאלן צו באטשען. „א האלטעק זאגסטו? איך אליין וועל זונטאג איינשפאנען און דיך ארייברענגען קיין סאסנאוויצע צום יידישן״, האט דער אלטער באטשע מיט איר זיך מיטגעפריידט.

די מאמע פלעגט מיר תמיד דערציילן פון די פיר וואלבעראמער עלטערפעטערס, וואס האבן איבער דער טשעלאדזשער גרענעץ אריבערגעפירט פיר וועגענער מיט זאוויאזעס און געבונדן צוועלף אביעשטשיקעס. אבער באטשע האט געוווסט וואס אונטער די זאוויאסעס איז געלעגן . . . קאסעס און סטזשעלבעס . . . ער אליין און האלטעק, צוויי יונגע כלאפעס, זיינען נאכגעפארן ס׳„וויסק״ מיט ברויט און פלאצעס און גאנשערס מיט אקאוויט. א יאר איז ער דערנאך געלעגן אויסבאהאלטן אין וואלבעראם און ווען ער איז אהיימגעפארן איז האלטעק מיט אים מיטגעפארן און איז שוין געבליבן א „טשעלאדזשער אביוואטעל״. — „האלטקאווע, יענע יארן פארגעסט מען נישט, דאס איז פאר

קינד קינדער . . . יעשטשע פּאָלסקע . . .״

דער טאטע ווידער האט זיך גארנישט געקאנט בארואיקן מיט מיין בריוועלע: א יונג, דאכט זיך, מיט כלים און זאל נישט קאנען אויפשרייבן קיין צוויי ווערטער, מ׳זאל זיי קאנען אדורכלייענען. ס׳גאנצע בריוול איז עפּעס איין גרויסער גרייז. איך ווייס נישט ווו ביי אים הייבט זיך אן און ווו ס׳לאזט זיך אויס . . . כ׳מיין ביי אים גופא! מילא, אין טשעלאדזש, וואקסט ער א טשעלאדזשער . . . אבער איצט, אז ער ווערט ארויסגעריסן! שיקן אים אין א ישיבה? לאזן אים ביי שלמהן? ער וועט זיך גארנישט ארייננפאסן אין טשענסטאכאוו . . . עס שטעקט אין אים צופיל פון די האלטקעס.

פארנדיק קיין פּאָסנאָווצע אויף דער בריטשקע איז די מאמע געזעסן פארנט מיטן אלטן באטשע, און דער טאטע אליין אויפן געזעס . . . ער האט געהאט צייט צו טראכטן, אבער דאך נישט געקומען צו קיין טאלק. ווען ער איז אנגעקומען האט ער מיך געזוכט מיט די אויגן. אז ער האט מיך די גאנצע צייט נישט געזען, האט ער פארשטאנען, אז כ׳מוז מסתם זיין אין בית־מדרש —

עס איז געווען די דריי „לײדיקע״ שעה צווישן ערשטן און צווייטן שיעור. די נאך נישט איינגעלערנטע יינגלעך און די מתמידים זיצן דעמאלט איבער די גמרות און חזרן און לערנען אליין; מאַנכע „מאַכן אלייענען״.

ווען דער טאטע איז אריינגעקומען איז דאס בית־מדרש געווען כמעט ליידיק. דא און דארט האט זיך א בחור געשאקלט איבער א גמרא. א יונגערמאַן איז געשטאנען מיט א פוס אויף א באנק און געבלעטערט א ספר. אויבן ביים פענסטער האט ער מיך דערזען ווי כ׳זיץ מיט א בחור אן עלטערן פון מיר „מיט א צעריסן פנים״ און מיר לערנען מיט געשמאק, מיט התמדה. מיין קול איז געווען געלויטערט, מיושבדיקייט אין אויסטייטשן, אין דער הסברה. דאס שאקלען איז געווען ריטמיש: בן־פש אחת, בן־פש אחת. ער האט געשפירט, אז א קנאה־געפיל נעמט אים ארום צו דעם „פרעמדן״ בחור. ער האט טרויעריק צוגעמאכט די אויגן: אומעטום מישט עס זיך אריין . . . אפילו אין לערנען . . . ער האט זיך דערזען אין ווידאמע צוזאם מיטן רבין זאל לעבן, זיי לערנען ביים ווידאמער רב — די שענסטע טעג פון זיין לעבן! ער איז געזעסן אזוי א ווייל: ניין, ער טאר נישט שטערן . . . ער איז שטיל צוריק ארויס פון בית־מדרש — ער האט דאך א שליחות ארויפצוגיין צום אלטן מורה־הוראה אים מכבד צו זיין מיט סנדקאות.

איך האב נישט געוווסט, אז דער טאטע מיט דער מאמען און די באבע זיינען שוין געקומען. כ׳בין היינט אהיימגעגאנגען, כדי צו זיין ווען די קינדער וועלן קומען ס׳לעצטע מאל קריאת־שמע לייענען און מען וועט זיי טייל די ראזשינקע־חלהלעך, נישט נאר צו זען, נאר מיך אויך ארייננצושטעלן צווישן אלע און מיטזינגען: „ברוך הוא, ברוך שמו״ און ביים טיילן זאל מיר שרה לאה אויך געבן אזא חלהלע. נעכטן ביים באקן, האט זי פארפלאמט די בלעכן ארייגעבראנגט אין דער גרויסער שטוב אריין: „זעסט, ווי זיי זיינען געראטן״. דער ווארעמער ראזשינקע און מאנדל־ריח און דאס צעפלאמטקייט פון איר פנים ליגט מיר נאך אין דער נאז, איך קאן עס איינאטעמען.



ווען די מאמע האט זיך געפרעגט אויף מיר, האט איר שרה לאה געזאגט, „ער וועט מסתם קומען צו קריאת־שמע לייענען, ער וועט זיך נישט קענען איינהאלטן.

ווי נאר די מאמע האט מיך דערזען ארויפקומען מיט די חדר־יינגלעך, נישט נאר פון איין חדר — מיר האט זיך לייכט איינגעגעבן אויסצומישן צווישן זיי. עלעהיי א „בעהעלפער״. און דאס שרה לאה־חלהלע אין דער בהלה פון פארטיילן וואלט מיר לייכט אריינגעפאלן, אומבאמערקט, אין דער האנט אריין, — איז זי צוגעקומען צולויפן צו מיר, אבער נישט, ווי מיט דער ערשטער פרייד פון דערזען מיך, נאר ווי צו א דערוווארטעטן, וואס מ׳ווארט אויף זיינס א נויטיקע הילף, און אט איז ער דאך דא אומ׳פאלט צו אים צו: איך האב מיך גארנישט געקענט דערהארן אויף דיר, כ׳האב דיר עפּעס צו זאגן.

איך האב מיך שנעל ארויסגעדרייט, גיך איבערן קארידאר אריין אין דער גרויסער שטוב: „הער, אז די באבע האט מריםביילען געגעבן די ציטער־שפילקע, בין איך שטיין געבליבן ווי א גולם, מיט ליידיקע הענט, האב איך אראפּגענומען די שנירלעך פערל פון האלז און איר אנגעטון און איצט בין איך ,גאלא׳, קיין אויערינגל אין אויער אפילו נישט. אלץ ליגט פארמשכנט״.

די מאמע האט מיך אנגעקוקט און געזען, אז איך האב עפּעס אן איינפאל: „האסט געברויכט צו זען ווי מרים ביילע האט אויסגעזען, ווי א בת־מלכה און די דאבעלע האט שיער געפלאצט, די שוחטקע, די אויגן זיינען איר שיער נישט ארויס״. עס האט פון איר ארויסגערעדט די פאַרלעגנקייט.

די מאמע האט געזען, אז איך גראבל עפּעס אין טאש; איך האב אפגעציילט צי כ׳האב נאך צוואנציק קאפּיקעס: „מאמעשי, ס׳וועט אלץ זיין גוט. לאז מיך שנעל לויפן, איידער ס׳ווערט נאכט״. זי האט געמיינט, אז איך גיי לויפן קיין טשעלאדזש און בעטן ביים פעטער חיימל ער זאל מיר ארויסגעבן פון טארבעלע צירונג: „ניין, דאס וועט קיינער נישט דערלעבן״, האט זי מיך אנגעכאפּט ביי דער האנט.

„לאז מיך נאך, כ׳מוז לויפן איידער מען פארמאכט די געשעפטן״, האב איך ארויסגעריסן מיין האנט פון אירע, אין מיין באגייסטערטן איינפאל און בין ארויסגעלאפן.

די מאמע איז געבליבן שטיין א דערשראקענע און זיך געקניפּן די אונטערשטע ליפּ, ווי זי פלעגט עס טון אין נערוועזער אויפרעגונג, ווי שלמה מיט דעם רייב זיינעם ביים קאפּל: „ווער ווייסט ווו, צי ער לויפט נישט, חלילה, אין א געשעפט אריין עפּעס צו . . זי קנייפּט זיך צו די ליפּן נישט ארויסצוזאָגן דאס ווארט.

זי האט קיין לאַנגע צייט נישט געהאַט צו איר פאַרצווייפלונג, פון אלע זייטן האט מען געשריגן: „ווו איז די טשעלאדזשער מחותנתטע?״ שרה לאה האט געוואלט, אז די טשעלאדזשער באבע זאל טיילן די חלהלעך ביים לעצטן קריאת־שמע לייענען. די מאמע האט שנעל, ביים לעצטן רייב די אונטערשטע ליפּן, געגעבן א נעם אריין ביידע ליפּן אין דער האנט אריין, ווי זי וואלט זיך זיי אפּגעווישט און איז גיך אריין צווישן די חדר־יינגלעך, ווי ס׳וואלט גארנישט

געווען געשעען: רופט מען מיך נישט? אט שטיי איך דאך דא . . .

* * *

דאס סאסנאווצער רבנות איז געווען אן אייביקע מחלוקה! פונם ערשטן אלטן מורה־הוראה אן, ווען סאסנאווצע איז נאר געווארן א קהלה קדושה, ביזן לעצטן, יונגסטן רב, וואס האט זיך געיאוויעט אויפן כסא־הרבנות, ווען ק״ק סאסנאווצע איז שוין אן עיר ואם בישראל און איז אונטערגעגאנגען צוזאם מיט אלע קהלות הקדושות אין מדינת פוילן —

קודם האט סאסנאווצע געהערט צום בענדינער גליל, קיין תחום שבת אפילו נישט פון בענדין. און ס׳האט על־פי־דין געהערט צום בענדינער רבנות. האבן זיך ראשית די „רוסישע קאלאניע״, מיט די „בני שקלאוו״ בראש געבּ רענגט א ליטווישן בעל־הוראה און א בעל מידות, וואס ער איז עס באמת געווען, דער אלטער מורה־הוראה, דער מוסמך פון וואלאזשין, און באלד טאקע מיטגעברענגט א קאזשיאנעם רב — איז מי יאמר להם מה תעשה! און עמך ווידער, שניידער און שוסטער, ס׳ביסל וואלבראמער הסידים, אז דער רבי האט געזאגט, איז עס געווען הייליק, און זיין אידעם, דאס סאנדזער ראפשיצער איניקל, דער גאליציאנער עילוי, וואס דער שווער האט אים בפירוש צוגעזאגט א רבנות, איז געווען די לייכטסטע זאך אים צו מאכן פארן נייעם מורה־הוראה אין דער ווי אויף הייוון זיך צוואקסענער שטאט. ראשית איז טאקע בויטיק געווען נאך א מורה־הוראה, און ווידער מי יאמר לו מה תעשה, אז דער קאזשיאנער רב איז די גאנצע נעכט געזעסן און געשפילט קארטן מיט נאטשאלסטווא און חברה שפיליטערן און פאדריאדטשיקעס, און תמיד פעלט אים אויס א קערבל . . .

און וואס האבן שוין ביידע, דער אלטער און דער נייער מורה הוראה, געקענט אסך זאגן און טון, ווען די שוחטים האבן זייערס אן איידעם געוואלט איינפנעמען פאר א דריטן, אז די פרנסה זייערע איז דער עיקר געווען פון דער שחיטה.

איז עס אבער אצינד געגאנגען אין דעם, — ס׳איז שוין ביי איניקע ווי ביי לייב ענגלארד, ביי יאנקעלע שטאל און אנדערע שוין געווארן אן אמביציע! — אז פון די דריי זאל שוין טאקע ווערן א בית־דין צדק, און די שטאט, אויב זי האט נישט קיין מנהיג, זאל זי כאטש האבן אן הנהגה. אבער ווו קריגט מען די דריי אריין בחד ווארקע, אין איין בית־דין שטוב, צו איין גרינעם טיש?

„וכאן מצא בעל־חוב את חובו״! און ווען דער טאטע איז געקומען און שלמה האט אים געזאגט, אז ער איז אים מכבד מיט סנדקאות, איז זיין משקל־ראשון געווען: אייגנטלעך קומט עס ר׳לייב ענגלארדן. האט אים שלמה געגעבן צו פארשטיין: על־פי זאקאן קומט עס דעם קאזשיאנעם רב, און אויב מען וויל נישט האבן צו טון מיט נאטשאלסטווע, מוז מען קריגן א דערלויבעניש פון אים. און גיי און זעץ אים ארויף אויפן כסא של אליהו . . . א טאטן קאן ער האבן א תירוץ: כבוד אב. און אברהם יצחק וועט אים נאך שטעקן א דרייערל אין יד אריין און אלץ וועט זיין כשר וישר. אנהייבן מיט אים טאר מען נישט,



ער איז דער „אפיציעלער״ — דאס ווארט „רב״ האט זיך אים נישט געלייגט אויף דער צונג עס ארויסצורעדן.

איז דעם טאטן איינגעפאלן אן אויפטו: „אויף דעם ברית של אברהם אבינו קאן טאקע געשלאסן ווערן דער כריתת־ברית פון א סאסנאווצער בית־דין״, און מען האט בפירוש געזען ווי זיין באליבט המצאה־שמייכעלע צעלייגט זיך ווידער אין זיין ברייטער בארד: „זאל מען דעם אלטן מכבד זיין מיט סנדקאות, דעם נייעם מיט מוהלשאפט — ער איז דאך א מוהל! — און דעם קאזשיאנעם טאקע אריינשטעקן נישט איין, נאר טאקע דריי דרייערלעך און ס׳וועט זיין א כשר טעפל און א כשרער לעפל״ . . .

און דער טאטע איז גלייך פון בית־מדרש ארויפגעגאנגען צום אלטן מורה־הוראה! צוריקגעקומען איז ער גאר א באגייסטערטער. א ייד א תלמיד־חכם, א ייד מיט מידות און דער עיקר א קלוגער ייד: „ער פארשטייט דאך, אז אויב א בית־דין, וועט ער זיין דער ראש בית־דין״ . . .

איז מען געזעסן ביים טיש און געווארט ר׳ לייב ענגלארד זאל צוריקקומען פון נייעם מורה־הוראה, און ער איז צוריקגעקומען א פארמאטערטער א פארנודיעטער: „אזוי און אזוי און ווידער פארקערט, און אפשר טאמער לאמיר אננעמען קעפויער, אז יא?״ דער סוף איז געווען: „ער וועט שיקן א תשובה״ . . . „ער מוז זיך נאך בעראטן, אלך ואמלך בדביתא״, זי איז דאך דעם יידס הקדוש אן איניקל, דעם לעלעווערס אן אוראייניקל.

זיינען זיי געזעסן ביים טיש, מיין טאטע מיט זיין ברייטן שמייכל אין דער ברייטער בארד, ר׳לייב ענגלארד מיט אן איראניש־דינעם אין זיין שלאנקפארקעמטער, און זיי האבן געהאלטן אין איין גלעטן זיך די בכבודיקע בערד. און שלמה דער יונגערמאן מיט זיין שמאל, טונקל בערדל, וואס לאזט זיך אויס מיט צוויי העל־בלאנדע שפיצן, א צעבראכענער, וואס ער מוז זיצן אויבנאן און זיי ביי די זייטן מיט דרך ארץ פארן מרא־דאתרא! פאר צעטראגנקייט האט ער כסדר זיך געגעבן א שאר איבערן גרויסן קאפל, איבער זיין צעפאלדעוועטן שטערן, ווי די מאמע ווען זי איז נערוועז הערט זיך נישט אויף צו קנייפן כסדר אירע פארשנירלטע ליפן.

אויב די דריי האבן געהאלטן אין איין ווארטן, איז די מאמע געווען איין שטיק דערווארטונג: ווער ווייסט צי די פאליציי האט אים נישט געכאפט, צי ער זיצט נישט? דער יונג, ווער ווייסט אין וועם דאס גראט? צו דיך מיט דעם קיין טשענסטאכאוו, אין דער גרויסער שטאט אריין? ס׳קאן פון אים, חלילה, אויסוואקסן א שלמהלע?״ . . . זי האט מיך געהערט לויפן אויף די שטיגן, נעמענדיק צוויי טרעפ. זי איז ארויסגעקומען א דערשראקענע דערפרייטע. זי האט נישט אוספיעיט צו פאלן מיר אויפן האלז מיט א היסטעריש געוויין. איך האב איר שנעל דערלאנגט דאס קליינע פודעלע מיטן בראשקעלע, וואס איך האב געקויפט אין צוואנציק־קאפיקאווע געשעפט . . . און אריינגעלאפן אין דער גרויסער שטוב געבן שלום דעם טאטן — אין מיין פרייד, אין מיין אויפרעגונג, אין מיין צעיאכמערטקייט, האב איך נישט געזען שלמהן, נישט ר׳לייבן. בין צוגעלאפן צום טאטן: „שלום־עליכם, טאטעשי״.

„דו זעסט דאך אויס ווי א ווילדער, ווי אן עשיו פון געיעג... כ׳דערקען דיך דאך נישט . . . ערשט פאר א צוויי שעה אין בית־מדרש”... איז זיין קול ווייכער געווארן און מיך צו באַרואיקן, מיט א גלעט מיר גראד געמאכט די גראבע צעשויבערטע פיאות, דעם דאשעק פון היטל: „ר׳ לייב, און מיינט איר, אז דער עלטערער אין זיינע יארן”, האָט ער מיט א שמייכל נישט פאַרענדיקט דעם זאַץ. . . . שלמהן האבן די רייד נאך מער הנאה געטון, זיין צעבראכנקייט האט זיך בארואיקט פון אונטערן גרויסן קאפל און געשפאלדעוועטן שטערן האבן זיינע אויגן זיך ייִנגליש צעשטראַלט — —

און פלוצלינג רייסט זיך אויף די טיר און די באבע פאלט אריין: „איר זיצט זיך דא ביי לעקעך און בראנפן — א וואך־נאכט! און ס׳מוהל־מעסערל איז נאך נישטא. איז דאס געהערט געווארן!” די צוויי רבנישע יידן מיט די רבישע בערד האבן באלד געכאפט די גערעכטע טענה. ר׳לייב האט מיט זיין פארנעמקייט אנגעקוקט די באבע און געזען ווי זי ציטערט אינגאנצן פון אויפרעגונג און דער טשיפעק מיט דער ציטער־שפילקע ציטערט ממש מיט איר מיט: „באבעשי, ס׳איז דאך נאך נישט נאכט, ס׳איז נישט ליכט־בענטשן וואס מ׳מוז פארן בין־השמשות. ס׳מוהל־מעסערל איז צייט ווען די דריי שטערן גייען אויף. פריער זיינען יענע נישט שולט”... מיט זיין גאנצער פארנעמקייט און שטייפע ערנסטקייט, האט ער דאך נישט געקאנט באהאלטן דעם דינעם איראנישן שמייכל.

דער טאטע האט געמוזט אוועקדרייען דעם קאפ, אז די באבע זאל נישט זען זיינע לאכנדיקע אויגן: „זעסט, שלמה, ר׳לייב קען דאס ספר הפראלניק... ס׳וועט דיר גארנישט העלפן, וועסט אים מוזן אויסלערנען מ׳דעסקע לדעסקע”... ווייסט וואס ס׳פאלט מיר איין? אויב ס׳איז ביז איצט נאך קיין תשובה נישטא, איז קיין תשובה אויך א תשובה: א בעל־הוראה פון וואלבעראמער הויף קען דעם ספר־האפראלניק”... און איידער נאך זיי קאנען הנאה האבן פון דער הלצה, עפנט זיך אויף די טיר און ר׳איציקלס זון קומט אריין און גייט דירעקט צ צו שלמהן. מען זעט אין זיין דירעקטן צוגיין ווו מ׳דארף, די וויכטיקייט פון זיין שליחות: „הער טאטע שליט״א שיקט דאס מוהל־מעסערל”... דער טאטע האט געקוקט אויף ר׳לייבן און באוואונדערט זיין פארנעמע ערנסטקייט וואס האט אזוי ארייגעפאסט אין דער רגע. און זיין המצאה־הלצהלע, ווי ער האָט עס נישט געוואָלט איינצוימען, האט אים נאך אלץ געטאנצט אין די אויגן.

די מאמע און די באבע זענען געגאנגען מיט דער מחותנתטע דאבעלע שלאפן און דער טאטע איז געשלאפן מיט מיר: „שלאפסט? כ׳האב דיך אוועקגעשיקט פון דער היים, ווייל כ׳האב דיך געוואלט שוינען, אבער ווער ווייסט ווי לאנג עס קענען . . . קומענדיקע וואך וועלן מיר שוין וווינען אין טשענסטאכאוו, וועסט שוין פון דאַ אַהינקומען... איך אין דיינע יארן בין שוין געווען א פאלנער מענטש, דו ביסט נאך צעשויבערט”... אויב דו ווילסט אבער קאנסטו בלייבן דא. כ׳וועל דיר אהערשיקן יעדע וואך דעם רובל, ווי שווער ס׳זאל נישט זיין. און אויב, חלילה... אויב מ׳מיינט באמת צו לערנען און מ׳זעט א תכלית, פעלט שוין דאס ביסל פת במלח נישט אויס... מיר אבער



וועסטו אויספעלן, כ׳בין צוגעבונדן צו דיר”. כ׳האב געמוזט צובייסן די ליפן נישט אויפצווויינען. דער טאטע האט עס דערפילט. כ׳האב געשפירט זיין האנט אויפן קאפ: „א חבר איז א גרויסע זאך, מער נאך ווי א רבי, און אפשר מער נאך ווי א טאטע”. זיין קול האט געציטערט און איז שטיל געווארן.

איצט איז געקומען מיין ריי צו רעדן. כ׳האב אבער נישט געקענט, דער האלז איז מיר געווען צוגעשנירט: איז עס געווען א מין גוזעגענען? איבער מיין קאפ אין דער פינסטערניש האב איך געשפירט די בעלקעס פון אונזער שטוב? איז עס מיין נייער חבר שלמה מלך? מיין טאטנס אפהענטיקייט און מיין ליבשאפט צו אים, כ׳האב קוים נאך געקענט ארויספליסטערן: „ניין, טאטע, כ׳וועל מיטפארן”... דער טאטע האט פארשטאנען, אז „דער ניין” איז אן ענטפער צו מיינע פארשוויגענע טראכטענישן: „אברהם נחום, טשענסטאכאוו איז נישט טשעלאדזש, ס׳איז א שטייפע שטאט”... און ער איז שטיל געווארן.

כ׳האב געווארט ער זאל זאגן „המעפיל” און איך זאל מיט נאכזאגן: „ווייסט, איך האב מיך אויך צוגעווינט דא, אבער מסתם איז בעסער אזוי. תורה וגדולה טויג אויך נישט. זיי קאנען ווערן במקום אחד... ס׳איז שווער צוצוקומען, אסך גלגולים מוז דער מענטש אדורכמאכן... מ׳מוז זיך א סך ראַנגלען ביז מ׳קומט צו צו א גאַנצקייט . . . שלאפסט? כ׳בין היינט געווען אין בית־מדרש, געזען דעם בחור. שלמה האט מיר שפעטער געזאגט, אז ער איז אן ארעמען שניידערס אַ זון, אן עילוישער קאפ... ס׳גייט נישט אין קאפ, רחמנא לבא בעי . . . דו ווייסט די מאַמעס גויאישע ווערטל: „שעוצע קראַווצי” . . . הזהרו בבני עניים, מ׳מוז זייער געווארנט זיין: ארעמקייט איז אויך נאך נישט קיין גאראנטיע... פריוו איינצושלאפן, מ׳מוז דאך האבן כוח מארגן פאר דעם נייעם האלטעק”. ער וויל מאכן א הלצהלע, אבער ס׳גייט נישט: „איך האב אים גערן געהאַט דעם זיידן, ס׳איז געווען א גוטע נשמה”. און ער האט פאמעלעך אנגעהויבן צו שעפטשען „המפיל”.

אויב מיר, דער טאטע און איך, האבן נאך ארייגעכאפט א צוויי־דריי שעה שלאף און שלמה — א דזשימיע, כדי דער „המפיל” זאל נישט האבן געווען קיין ברכה לבטלה, חלילה, האט די מאמע שוין די גאנצע נאכט קיין אויג נישט צוגעמאכט.

אהינגעקומען צו דער מחותנתטע נאך א וואך־נאכט פון באקן און קאכן און סמאזשען, כאטש וויפל משרתים און העלפערס ס׳זיינען נישט געווען, אבער דאס פארזוכן די פיש צי זיי זיינען צו געפעפערט, דאס צימעס — נישט צו זיס, דאס געבראטנס — צו פארזאלצן. און די פרייד, די אויפרעגונג: זי ווייסט, אז דאס איינציקע, וואס איז נאך געבליבן, איז צו קענען פריוון אין טשענסטא־סטאכאוו זיינען געווען די זיבן שנירלעך פערל . . . עפעס צו קענען אנהויבן... פאלט איר איין א „שמע קולינו”, כדי זי זאל נאך אויסזען די גבירטע, די אמאליקע האלטקאווע —

זי דערמאנט זיך אינם פודעלע! נעמט עס ארויס, עפנט עס אויף און דערזענדיק דאס צוואנציק קאפיקאווע בראשקעלע מוז זי זיך אזוי צעלאכן, אז

אויב זי פארנייפט זיך נישט די ליפן מיט בײדע הענט, וואלט דאס גאנצע הויז אויפגעוואכט פון איר געלעכטער.

זי זעצט זיך אנידער מיטן פאטשערקעלע אין דער האנט, א גליקלעכע, א צופרידענע, ווי אט־א דאס בראשקעלע וואלט טאקע געווען דער איינציקער און ריכטיקער אויסוועג אין אלע שוועריקייטן, וואס גייען איצט אין אונזער לעבן אנקומען . . . אבער אן איינפאל איז עס געווען, ווי דעם טאטנס אן המצאה . . . אבי שוין אפגעקומען מיט בלויזער שרעק און געמיינט, חלילה, אז דאס וואקס א „שלמהלע . . . „טו טו“, שפייט זי דריי מאל אויס ווי ביים אפשפרעכן אן עין־הרע.

זי נעמט ארויס דאס אימיטאציע שפילקעלע און קוקט עס אן, און גיט פאכ־מעניש־סחריש א דריי מיט קאפ: פרעג זיי עפעס בעסערס די אויפגעקומענע גבירינטעס . . . זי ווייסט פון לעבן צו זאגן, די דאבעלע, די שוחטקע, פרעג זיי בחרם . . .

זי לייגט צו דאס בראשקעלע צו איר טונקל־סאמעטענע בלוזקע: דאס בלעך זעט דאך א יעדער! אבער אז מ׳וועט עס אזוי פארשטעקן, אז מ׳זאל בלויז דעם שטיין ארויסזען, וועלן זיי זיך שטעלן אויפן קאפ, די אויגן וועלן זיי ארויס פון גלאצן . . .

און אומר ועושה! זי שטעלט זיך ביים שפיגל און קאן זיך גארנישט אפ־וונדערן. ס׳איז טאקע אן איינפאל, נישט קיין המצאהלע . . . זי אליין ווייסט שוין נישט, אז ס׳איז א ביליק שפילקעלע — ס׳איז א שטיין פון סימאן הארטס דימאנטן־קאפאלניעס פון לאז־אנדזשעלעס . . .

ווער ווייסט ווילאנג זי איז אזוי געזעסן. האט זי געדזשימיעט, האט זי געטראכט? צו טראכטן האט זי געהאט גאר אסך . . . א קלאפ פון דער טיר האט זי אויפגעוועקט —

די באבע איז אריינגעקומען אין איר גאנצער פראכט. אלע ציטער־שפיל־קעס ציטערן אויף איר קאפקע פון איר ענערגיע און שפיגלען אין טויזנט קאלירן אין דער אויפגייענדיקער זון: „כ׳זע, אז דו ביסט שוין אויך פערטיק. שלמה וויל דאך מל זיין ס׳קינד באלד נאכן דאווענען. קום, לאמיר אהינגיין“. זי דערזעט דעם פארדראפירטן שטיין אינם סאמעט און בלייבט א פארוווּנדער־טע: „דעם שטיין קען איך דאך גארנישט, אזא ריזיקער!“

די מאמע גיט זיך א ריס אויף, — פון שלאף, פון בענקל, פון מחשבות, פון חלומות? — מיט האלב־געמאכטן קוראזש און האלב הלצהדיק: „דעם שטיין האט מיר באטשע נעכטן געגעבן צו יידישן האלטעקס נאמען. פון דער קרוין, פונם קעניק סאביעסקי“ . . . פארקנייפט זי איר געליכטער.

מילא, וואס אויפן ברית ס׳האט זיך געטון, ווי דאס סאסנאווצער בית־דין איז געזעסן אויבנאן און ווי ד״ר פערלמאן האט דעם קאזשיאנעם רב ארײנגע־נארט צום ווייבערישן טיש: איר וועט דארטן עפעס בעסערס האבן, כ׳מיין נישט נאר דעם ווייבערישן ווישניאק . . . דאס איז לגמרי נישט וויכטיק.

די מאמע, ווי די קוואטערין, מיט נערוועזן ציטער איבער איר געטאקט, באחנט נעזל, דאס אונטערשטע ליפל, זי זאל עס נישט קנייפן, מיט די ציין



פארביסן; ווי א מלכה איז זי געזעסן און די ווייבער האבן גארנישט געקענט אראפנעמען זייערע איינגעשטאכענע בליקן אין דעם, אינם סאמעט, אויבן ביים קראגן דראפירטן שטיין, וואס האט געפינקלט מיט עניותדיקן הן אין די אנגע־צונדענע ליכט אין זיבן־רערנדיקן זילבערנעם קאנדעלאבער.

° ° °

פשוט וואלט געווען פאר שלמהן, ער דאוונט אן השכמה, ווי יעדן אין דער פרי, טוט אן די שבתדיקע קאפאטע, מאכט דעם ברית, עסט מיט דער משפחה און אנשי־שלומנו די סעודת־מצוה און גייט צום ערשטן שיעור אין בית־מדרש אריין, ווי יעדער שכיר־יום, און איז נישט מבטל קיין תלמוד־תורה דרבים. אבער מיטן ברית זיינען דאך פארבונדן נאך כמה ענינים! בכל אופן, דעם צווייטן שיעור, פינף אזייגער, טאר ער נישט פארנאכלעסיקן. בטלה האט דאך קיין שיעור נישט: „אם יום יומים יעזבך“.

וכך הוה, דער ברית איז געווען באלד אין דער פרי, און דאס האט אפילו ר׳ איציקל פארשטאנען: „זריזין מקדימים למצוות“. אבער דאס זעצן זיך צו דער סעודת־מצוה האט שוין גענומען הכנות, און דאס פראווען זי מיט בשר ודגים און כל המיני פאטראוועס און משקה כיד המלך, און דעם חזנס משברך כנהוג, פאר אלע צדדים און משפחה־גבירים; אבער דאך קרוב לפינווע האט מען שוין געהאלטן ביים בענטשן.

שלמה איז שוין געווארן אומרואיק, גענומען אלע מינוט קוקן אויפן זייגער. דאס שטריימל אויפן קאפ האט אים געשטערט זיין געוויינלעכן נערוועזן רייב ביים גרויסן קאפל, האט ער זיך כסדר געגעבן א צי ביי איין בלאנדן שפיץ פון טונקעלען בערדל: ניין, אברהם יצחקן, דעם גאנצן עמוד על גבם טאר ער גארנישט זאגן, ער וועט בפירוש זיין דאקעגן. דער טאטע ווידער וועט אים אנקוקן מיט א ביטול־שמייכל; ער אבער האלט זיך מיט זיין גאנג: „מטוב שהיה שוטה כל ימיו ואל יהא רשע שעה אחת“ — תלמוד־תורה דרבים!

זיין פנים נעמט אן א באשלוס: זיי קאנען דאך ווייטער פראווען! אין זייערע תורה־שמועסן און שיחות־חולין און מיט נעמען צו ביסלעך: „ולא נודע כי באו אל קרבנה“, ווען ער וועט צוריקקומען פון בית־מדרש פון שיעור, וועט קיינער נישט האבן באמערקט אפילו, אז ער איז אוועק געווען. מען וועט שוין האלטן ביים צווייטן פאס ביר, וואס שטייט גרייט דרויסן אין קארידאר אין ווינקל שוין מיטן ארײנגעזעצטן מאשינדל. איין ישראל יצחק וועט עס באלד דערזען, און ער טאקע וועט אלץ גוט מאכן . . . וועט עס אויסגיין צו נאך א קארב מעד! און אים וועט ער לייכט מפייס זיין: ער וועט מכבד זיין שפעטער דעם שווער מיטן בענטשן. ער וועט זיך צעזינגען מיטן זיסן קול־נגינה ווי ער קען, ר׳ מאטל שוחט, און די שוויגער וועט זיך שטעלן אין דער טיר — די גוטע נשמה, דער אברהם יצחק, זיין כבוד אב איז דאך אין לשער!

דער טאטע ווי האנאהדיק פארטון ער איז נישט געווען אין א שמועס מיטן אלטן מורה־הוראה, האט ער דאך געהאלטן שלמהן אויפן אויג, זעענדיק אין די לעצטע מינוטן זיין נערוועזקייט און אנגעהויבן פארשטיין וואס אין אים גייט פאר און וואס דא גייט געשען. און דערזעענדיק ווי ער איז ארויס פון

אונטערן טיש, איז דער טאטע אים שטיל נאך אינם קארידאר און אינם געדויש פון די קינדער, ווו שרה לאה האט פאר זייסערווירט, האט דער טאטע אים א נעם געגעבן פאר דער פלייצע: „מאך נישט קיין שטות. צו אלעם האט א שיעור, אפילו צו דיינע שיעורים. נישט נאר תורה דרבים, כבוד דרבים איז אויך עפעס! און דער אלטער מורה־הוראה, זע איך, איז א גדול! און ר׳ איציקל אהין און ר׳ איציקל אהער... ער איז ר׳ חיים סאנדזערס, ר׳דודל לעלעווערס גזע"...

שלמה האט איינגעזען, אז ער האט איבערגעכאפט די מאס, און דאס איינזען און מסתם אויך דאס ביסעלע וויין אין קאפ האט אים ארויסגעריסן פון זיך, פון זיין פרומאקישער פארעקשנטקייט און אים צוריקגעגעבן זיין ייִנגלשע לייכטקייט און חסדישן ברען: „טאטע, דו האסט מיך שוין אויסגעלערנט איצט דעם גאנצן ספר־האפראלניק, דו האסט מיר געגעבן מיט א פראלניק איבערן קאפ! טאטע, קום, העלף מיר", איז ער אריין אין שמחת־מצוהדיקן קראזש און ארייננקוילערנדיק דאס גרויסע פאס ביר זיך הייזעריקלעך צעשריגן מיט א גמרא־ניגון „מניח את הכד, לייגט אוועק די ווייִן־גלעזלעך, ובאה בעל־הבית" — די ראדאמסקער יונגעלייט זיינען ארויס פון אונטער די טישן און די אמתע שמחה האט זיך ערשט אנגעהויבן. דאס הויז האט געציטערט פון טאנצן און זינגען. די אלטע זיינען געבליבן זיצן און די יונגע ארום און ארום אין א ראד. ר׳ איציקל האט גאנץ אויפגעלעבט: „איי איי ס׳איז דאך די אמתע שמחת־מצוה, ככתוב: ישמח אביך... לחיים, ראש בית־דין, האט ער זיך געוואנדן מיט צעגאסענער ליבשאפט צום אלטן מורה־הוראה, ר׳לייב, כ׳וואלט אייך אויסגעקושט יעדע האר פון אייער בארד: שלום רב לאוהבי תורתך, ואין לנו מכשול", איז ער אריין מיט א רקידהל, זינגענדיק אינם ראד, און מיטגעשלעפט דעם פארנעמען, שטייפלעכן, שלאנקן ר׳ לייב ענגלארד ביי איין האנט און מיט דער אנדערער דעם אלטן מורה־הוראה, וואס איז געבליבן שטיין אין דער מיט מיטאמאל צעפלייצן התלהבות א פארגליווערטער אין זיין מתנגדישער ליטווישקייט. שלמה איז ארויס פון ראד און מיך צוגערופן: „לויף אין בית־מדרש אריין און הייס אלע בחורים ארויפקומען". דאס הויז האט געציטערט פון טאנצן און זינגען.

וואס קארידאר, וואס דרינען די שטובן? עס איז געווארן איין גרויס געלויף און געזאנג. אין די טירן זיינען געשטאנען די מחותנתטעס, די באבע מיטן טשיפיק מיט די ציטער־בראשקעלעך און האט מיטגעהאצקעט, און די מאמע מאַיעסטעטיש צעשטראַלט — מיט דעם גרינעם בראשקעלע אין דעם סאמעטענעם בלוזקעלע.

עס איז שוין געווען נאך האלבער נאכט, ווען אלע זיינען זיך צעגאנגען. די פרעמדע געסט אוועקגעפארן. פון דער גרויסער שטוב ארויסגענומען די טישן. שלמה האט זיך געדרייט ארויף און אראפ אין זיין דבקות און חשבון־הנפש. שוין געהאט ארייגעשריבן אין זיין ספר־יומי, אז ער האט באלעמוטשעט א שיעור.

אז ער האט אין דער מחשבה מזל געווען חלילה ר׳ איציקלען „השית יכפר



TOWER HAMLETS LIBRARIES

לי".

פארן זיך גיין לייגן, גייט שלמה אראפ אויף נקיות. זעט ער ווין אן אורחי־פרחהניק, א האלב פארשלאפענער פון דער סעודה א האלב אנגעטרונקענער שטייט ביי דער וואנט. זאל ער אים אזוי לאזן שטיין? און אז דער סטרוזש וועט ארויסקומען מיטן הונט? זאל ער אים הייסן גיין, דעם ייד? האט ער אים ארויפגענומען, ארייגעפירט אין מיין שטיבל און געהייסן אים זיך לייגן מיט מיר: „אייערנעכטן איז ער מיט מיר געשלאפן, נעכטן מיטן טאטן, איז פארוואס זאל זיך נישט אן אורח אדורכשלאפן א נאכט?"

דאס בעט איז בסך־הכל געווען אן אייזערן אויפלייג בעטל, און אז דער ארעמאן איז אריין אין דער אויסגעווארעמטער פערענע און זיך גענומען קראצן און ווארפן און איינגעשלאפענער אלץ הנאהדיקער און שטארקער, איז דאס בעטל צו זאמענגעבראכן און איך, ווי טויט־פארשלאפן כ׳בין געווען, האב אויפגעוואכט און דערזען, אז מיט מיר ליגט א פרעמד־באוואקסענער נפש, וואס רייסט פון זיך שטיקער. איך מיטאמאל אלץ פאַרשטייענדיק, האב מיך אויפגעהויבן, שטיל אנגעטון, נישט צו מאכן קיין גערודער, שטיל ארויס, פארמאכט די טיר און מיך געלאזט אין בית־מדרש אריין. כ׳האב געוווסט, אז תמיד איז דארט ליכטיק, א ייד זאגט א יום תהלים, דער מתמיד שאקלט זיך ביי דער גמרא.

ווען כ׳בין געלאפן אין דער פינסטערער נאכט אין בית־מדרש אריין, האב איך קיינעם נישט געוואלט טרעפן. נאר נישט שלמה מלכן! ער וועט דאך אלץ וויסן, פון פנים מיר עס אראפלייענען, פון מיינע אויגן מיר עס ארויסלעזן: אז שלמה וויל מקיים זיין מצות הכנסת־אורחים... אז ער וויל זיין א צדיק אין פעלץ... איך האב דעם זאץ ביזן סוף נישט געקאנט דערטראכטן, אזוי אייפגערעגט בין איך געווען.

דריי פירטל פון גרויסן בית־מדרש טונקט זיך אין פינסטערניש. דאס יארצייט ליכט ביים עמוד באלייכט עס נאר, אז מען זאל עס קענען זען.

דער טייל ספרים־שאפעס, וואס שטייען נאנט צום טיש ביים פענסטער אין באלויכטן פון א עלעווער הענגלאמפ. דער שמאלער יונגערמאן שטייט שוין דארט און מישט א ספר אויף קני, ביים עק טיש שאקלט זיך דער מתמיד.

פלוצלינג דערהער איך פון איין זייט פינסטערן ווינקל שלמה מלכס קול און איך לאז מיך גלייך צום צווייטן, שפירנדיק א מיכעצדיקע זויערקייט, א היימישע, ווי אט די פון וועלכער כ׳בין אקארשט אנטלאפן פון בעט ארויס: דארט זיינען טאקע געשלאפן אויף די בענק, די קלימרקלעך צוקאפנס, די אורחי־פרחי, וואס גייען א גאנצן טאג ארום אין שטאט, און איך האב מיך פארטייעט צווישן זיי. דער עיפושדיקער ריח און דאס געשנארך האבן מיך איגנאנצן ווי פארטשאדעט. אבער מיין פריערדיקע אויפגערעגטייט האט מיך געהאלטן וואך און מיך צוגעווינט צו דער פינסטערניש: הינטן טיף אין ווינקל איז געזעסן יענער מיט די גרויס־געדיכטע וואנסעס און דער יונגערמאן מיט דער בלאנדער טשופרינע, — שומו שמים! —ביידע זיצן מיט די בלויזע קעפ און שלמה מלך טענהט אין זיי אריין.

„דער זאנוועלע, וועגן וועלכן דו צעציילסט אונז, איז אינגאנצן נישט קיין

ייד, לאז ער זיך געזונטערהייט גיין מיט זיינע פוילישע ארבעטער. מיר האבן צו פארטיידיקן אונזער אייגענע יידישע זאך . . . אין בכלל אלה מה שבפרט״, האט דער בלאנדער אנגעכאפט שלמה מלכן, ווייל דאס אפנים איז געווען די איינציקע עצה: וועט ער נישט קאנען מאכן מיט די הענט, וועט ער ממילא אויפהערן מיט זיין ווערטער־געפלייץ.

„הערט אויף מיט אייערע גמרא־קעפלעך. איר ווארפט זיך מיט שטיקער מארקס און ענגלס ווי מיט רמב״מס און מהרש״אס. ס׳איז איצט נישט די צייט דערפאר. אין א האלבער שעה מוזן מיר גיין צו דער גרענעץ — דאס איז נישט טעאריע, דאס איז טאקטיק, און מען מוז האבן א רואיקן קאפ״. דער מיט די גרויסע געדיכטע וואנסעס האט עס געזאגט אין א פריילעכן טאן, כדי די געמיטער צו בארואיקן, און די אויגן זיינע האבן זיך שטראלנדיק אנגעצונדן: כ׳וועל אייך בעסער דערציילן עפעס שיינס אין מיר אַלע וועלן הנאה האָבן״. און זע: אין בלויזן קאפ אין בית־מדרש, קיין סימן פון א בארד נישט און די ווערטער קומען ארויס פון די צעפלאשעטע וואנסעס, ממש ווי בעת מיין טאטע צעשמועסט זיך ווען ער נעמט נחתדיק דערציילן א חסידישע מעשה מבתינגותדיק בנעימותדיק: „כאשין, מיט א דריי־פיר יאר צוריק איז דא געזעסן, פונקט אזא פארשוין ווי דו, אויב נישט נאך שארפער. מארקס האט ער געקענט אויף דער שורה מיט דער נאדל . . . אויב מיך נישט געקענט איבערצייגן, אז געווען, ווייל מיט זיין חריפות האט ער געקענט מטהר זיין א שרָץ בק״ן טעמים . . . הערסט, ווען נישט זיין ליבשאפט צו יידיש, וואלט איך פשוט געקענט אים אננעמען פאר א שפיאָן, פאר א שפיצל . . . פשוט, א פארקויפטע בריאה צו די יידישע קאפיטאליסטן־שאוויניסטן . . . האט ער אבער אנגעהויבן צו ריידן פון יידישן פאלקלאר, איז ער געווארן כולו הארץ. ער איז נשתנה צורה געווארן — ער אליין איז געווארן א שטיק עמך! די ליפן האבן זיך ביי אים געסלינעט פון ליבשאפט און די ווערטער האבן זיך אים געקייקלט אין מויל ווי בולבעס אין הונגעריקן מויל פון א הארעפאשניק״.

„כ׳זע, אז דו ווייסט שוין! יא. ס׳איז ער, באראכאוו. הערסט, דריי מאל האבן מיר שוין געזאלט גיין מיט אים צו דער גרענעץ און אלץ געמוזט אפלייגן. נישט איבער שוועריקייטן, נאר פשוט ער האט זיך פארליבט אין אונזערע זאגלעמביער פתחן: קאאפן, באאנער, שטאאנער . . . א זאאגער! ער האט זיך געקויקלט ממש פאר פרייד. ,אונזער קאלאניע׳ דא איז אין אים געווען פארליבט . . . דו זעסט דא דעם שלמה מלך, דעמאלט האט זיך דא געשאַרט אן אנדער בחורל. און יענער איז אים באלד נאך . . . דאס איז טאקע דער זשעזאַק! . . . וואס ווילסטו נאך, דער מערקין, א פיערשע גילדע סוחר, און ער האט אים גארנישט געקאנט ארויסלאזן פון זיין שטוב . . . איך האב מיך אויך שוין צערעדט . . . די צייט לויפט. שלמה מלך, נעם דעם טשעמאדאן און מיר גייען — מיטן רעכטן פוס!״

אין ווינקל איז געווארן שטיל. זיי זיינען שטיל ארויס. איך האב מסתם איינגעדרימלט. די בעקערס גייענדיק פון זייער נאכט־ארבעט האבן אנגעהויבן ארייַנצוקומען. שמעלקע שמש איז צוגעקומען מיט א רעש, מיט קאזארמישן



באפעל: „אויפגעשטאנען, קבצנים, אויפגעשטאנען!!״ דערזעענדיק מיך מיט זיין בליציקן אייגל, האט ער מיטן בלינדן אויג צוגעפינטלט צו מיר: „שלעפסט זיך אויך שוין ארום מיט דער חברה?״ . . . און מען האט בפירוש נישט געקענט וויסן וועלכע ער מיינט: די אורחי־פרחי, צי די, וועלכע זיינען אקארשט אוועקגעגאנגען . . .

נאך דער מקווה, ווען שלמה איז אריינגעקומען אין בית־מדרש אריין, בין איך שוין געזעסן ביי א גמרא און מיך געשאקלט. ער איז צוגעקומען צו מיר און מיך אנגעקוקט פארוואונדערט, נישט מפסיק צו זיין, איז ער צוגעגאנגען צו זיין פלאץ און איך בין אים נאכגעגאנגען און מיין פארשלאפענעם כעס צו אים אויסגעלאזט: „איך פארשטיי דיך נישט. אז דו ווילסט טון א מצווה, נעמט מען צו זיך אין בעט אריין דעם לויזיקן ייד״.

שלמהס פנים האט זיך פארצויגן מיט פינסטערניש, מיט טרויער. די מקווה־טראפנס פון זיינע דיקע פיאות, פון די בלאנדע שפיצן פון זיין שמאלן, טונקעלען בערדל, האבן געטריפט ווי טרערן. זיין סמוטנע פנים איז נאך שמאַלער געווארן. ער האט געענדיקט דאס מורמלען און מיך אנגעקוקט ווי ער וואלט מיך נישט דערקענט: „דו רעדסט דאך עפעס פון גאטס א בריאה, חלילה ווי אַ״ . . . ער האט שוין געהאט אויסגעטון דעם סאמעטענעם קאפעליש, כדי צו לייגן דעם טלית און האט זיך געגעבן א נערוועזן רייבביים קאפל און גערעדט מיט הכנעה, נישט נאר כדי זיך צו פארטיידיקן: „וויאזוי האב איך אים געקענט אריינגעמען צו מיר, אז קייגנאיבער אין בעט שלאפט מרים ביילע״. איך האב געפילט טרערן אין זיין קול. איך האב מיך שנעל אויסגעדרייט, ער זאל מיינע אויגן נישט זען, און אזוי נאך נאכגעזאגט „אמן״ נאך זיין ערשטער ברכה — זיין קול איז אלץ ליכטיקער געווארן: „הנותן לשכוי בינה להבחין בין יום ובין לילה״.

ווי האב איך דיך ליב געהאט, מיין איינציקער ברודער שלמה, אין יענער רגע! און אויב דאס נאר דעמאלט? האב פון דיר אסך געלערנט, מער פון אלע מיינע רבים.

° ° °

דער שוין גאַנץ פאַרלוירענער אין גאָט איז איינס מיט אַלעם איז גאַנץ שוין מיט אַלץ, „מקרני ראמים עד בצי כנים״; ער איז פאַרדבקט מיט גאַנצן ארום, איז זיך מתיחד „מעולם ועד העולם״ מיטן „היה הוה ויהיה״.

א פאָלק וואָס איז פאַרלוירן שוין אינגאַנצן, אלע ארבע מיתות שטייען אים תמיד פאַר זיינע פאַרקוועטשטע „שמע ישראל״־אויגן, פאַרשפילט זיך מיט א פילפול איבער „הורג כינה בשבת״, איז מיסטיש משיג פאַר וואָס די דריטע מכה איז קיין מכשף נישט בכוח נאָכצומאַכן, און לעבט מיט אייביקע נסים: היה הוה ויהיה.

און א מענטש פאַרלוירן שוין אין זיין געקריך, מיגלדיק זיך שוין צוצעקוועטשן מיט זיינע אויגענע פינגער־נעגל, ראַטעווענדיק זיך אין תהום פון זיין איך, איז ער זיך מיחד מיטן צער פון יעדער בריה, ווערט פאַרדבקט מיט דער פרייד פון מינדסטן באַשאַף, און פון שטאַפל צושטאַפל: היה — הוה — ויהיה.

* * *

אין יענער נאָך האַלבער נאַכט ווען שלמה איז געגאַנגען ארויף און אַראָפּ אין זיין דבקות, און דערזעענדיק מיך אזא טרויעריק־פאַרלוירענעם שטיין אין ווינקל צווישן די ספרים שענק, האָט ער מיך צוגערופן און מיר דערציילט די מעשה מ׳ז־בעטלערס. ער האָט געזען אין מיינע אויפגעריסענע אויגן, אז עפּעס פאַרשטיי איך, און דאס וואס כ׳פאַרשטיי נישט, פיל איך, אז גרויסע סודות ליגן דערין: „אָבער איצט פאַרשטייסט דו שוין אז אין זכות פון אן אורחי־פרחי . . . גיי אריין שלאָפן". האט ער געגעבן א זאג פלוצלינג אין א פרעמדן, נישט־דאַאיקן, אין א באפעלערישן טאָן, ווי איך וואלט אים געשטערט אינמיטן א שווערער עבודה.

איך בין שנעל אריין אין מיין שטובל. צערעכט געמאַכט דאָס מיטלסטע איינגעפאַלענע פיסל פונם אייזערנעם בעטל. אין קושן איז נאָך געווען דער איינגעקוועטשעט צייכן פונם קאָפּ פונם שלאָפנדיקן אורח. איך האָב מיך גיך אַריינגעוואָרפן מיטן פנים אין קושן . . .

האב איך געשלאָכצט? האָב איך געחלומט? איינס האָב איך געוווסט, אז איבערמאָרגן וועל איך אַהיימפאָרן, אָבער שוין נישט מער קיין טשעלאַדזש . . . וויאזוי וועל איך עס דערציילן שלמה מלכן? אברהם, שרולקע, אַלטער, וועל איך זיי שוין קיינמאל מער נישט זען? איז עס דער אורחי־פרחי, דער 4׳טער בעטלער פון דער מעשה, און דאס האַרץ אויפן בארג, איך הער ווי עס קלאַפּט, עס איז מיין טאַטנס האַרץ אייער־נעכטן נאָך האַלבע נאַכט? און ווי קומט דאָ אַהער דאָס פנים פון שרה לאהן, דאס חן־פלעקעלע, דאס ראָזינקעלע אין קריאת־שמע־ליינען קוילעטשל?

ווי שווער ס׳איז פאַר אַ 15־17 יאָריקן אריבערצוטרעטן די גרענעץ פון זיין קינדהייט; און אפשר טרעט מען זי אויך קיינמאל נישט אַריבער.

## בעל־שם וואריאַציעס

1 וויאזוי פון ישראל בעל־שם איז געוואָרן ר׳ ישראל בעל־שם־טוב.

קמיעלעך, א ציגיינער מיט פיאהלעך,
מיט קרייטעכצער, ווי די אַנדערע בעל שמען;
דאָס געלויף אויף די מערק נאָך עין־הרעלעך,
ער ברויך בלויז זיין באָרד רבניש צוצעקעמען.

נישט נאר אויף די קראַנקע קינדער, אויף די מאַמעס —
אויף זיך אַליין זיין האַרץ טוט אים שוין פאַרקלעמען!
אָבער צו קענען דאָ פאַסטן משבת לשבת,
ער ברויך בלויז טלית און תפילין מיטצונעמען.

דאָס פעלזיקע געשטרעק צו די הימלען אַרויף,
פון די וועלדער דאָס סודותיקע געבלעטער;
מיט העזלעך אין גראָז אויפשפּיצן די אויערן,
און מיט וועווריקל אין געצווייג דערקלעטערן.



דאָס פערדל זיינס אין דער גרויסער שפּע אַרום,
אַליין שוין זיך געפונען דאָ גענוג פּאַשע;
לאָ אזוז ממקומי! ס׳וועט נישט אליהו,
אליין ר׳מוז פאַרענטפערן איצט שווערסטע קשיה.

יאָ, אין דער ערשטער מערה אין וועג אָנטרעפן,
אַ געשלאָגענער הונט ער וועט זיך פאַרקריכן,
זיין אייגן געביין נאָגן, גרימיק צעגריזשען —
ער גייט זיך דערלייזן, נישט ברענגען משיחן.

דער שבתי צבי, און איצט דער יעקב פראַנק,
כאָטש זיך זעצן צום שור הבר און לויתן — —
און שוין יעדעס יידעלע מיט קרוין אויפן קאָפּ,
אויבן אָן ביים טיש פון דער שכינה דער חתן.

ער וועט ליגן אין הייל א היילנדיקער הונט,
ביז פון אלע ספקות אויסגעהיילט אינגאַנצן;
מיט מינדעסט גויעלע צומאָל אין א קרעטשמע,
פאַרשכורט פון ליבשאַפט מיט אים מיטצוטאַנצן.

דערשראָקן ר׳איז שטיין געבליבן, ס׳איז אַ שייד־וועג,
אַ נאַקעטער הענגט ער, אויף קאָפּ קרוין פון דערנער:
לאָ אזוז ממקומי, אַ תשובה כ׳מוז געפינען,
נישט אַ פשטל, ווי שוואָגער גרשון, דער לערנער.

2

איבער דער מערה פון ר׳ שמעון בן יוחאי
איז אַ צייטיקער פייגנבוים אויפגעגאַנגען,
טאָג און נאַכט סוד־פאַרטיפט — — הונגעריק געוואָרן,
די האַנט בלויז אַרויסצושטרעקן און דערלאַנגען.

אין זיין הייל ישראל בעל־שם אַ פאַרדבקטער,
פון תענתים, סיגופים דער גוף צעבראָכן,
אין תפילות ס׳האַרץ אויסגעגאָסן, ער ווייס דאָך נישט,
אין וואָסער רויבער־הייל ער איז זיך פאַרקראָכן.

און היינט אויף דער נאַכט זיי וועלן צוריקקומען,
דעם זאַק־רויב צווישן זיך ערלעך צוצעטיילן,
דאָס גאָלד און זילבער, דאָס אָבגעראַבעוועטע,
אימפעריאָלן גאַנצע שטויסן אָפּצוציילן — —

ניין, דער בעל שם ווייס גאָר, נישט, ער איז פאַרדבקעט,
דאָס פערדל זיינס צעהירזשעט קומט אָנצולויפן,
און שוין איז די הייל פול מיט די רויבער־באַנדע,
פלעשער אין די הענט אויפגעשטאָפּטע צום זויפן —

„כאַ, כאַ, כאַ“, איז די הייל פול מיט ווילד געלעכטער :
„דיך דאָס אַהערגעשיקט דאָ, אונז צו ענטדעקן ?“
דער ראש זייערער גייט צו אים צו, זיין לאַכן,
ווי אַ מעסער אין האַלדז בלייבט עס אים שטעקן.

שטיל ווערט אין דער הייל, מען הערט בלויז אַ מין געוויין,
וואָס הערט נישט אויף, ווי אַ פעלדזן־קוואַל צו פלייצן :
ס׳שטייט פאַרוויקלט בעל־שם אין טלית און תפילין,
פערדל זיינס פון שרעק — פאַרפּלאָנטערט אין די לייצן.

נאָך אַ צייט, אַ צעשטראַלטער ר׳האָט זיך אויסגעדרייט,
די רויבער נאָך אַלץ ווי לעמעלעך געשטאַנען,
און צום עלטסטן מיט אַ שמייכל זיך געוואָנדן :
„איז נישט אַ בורא עולם אויף וועלט פאַראַנען ?

„אַ יידעלע אין טלית און תפילין, און איר
ביז איבערן האַלדז באַוואָפנט אין כלי זיין — —
ס׳וועט איינער דעם צווייטן קיין שלעכטס נישט קענען טון,
ווען יעדער איינער פון שלעכטס וועט זיך באַפרייען.

„נישט אַ שאָף, אַז זיין האַרץ אַ קרבן ברענגט הבל,
וואַגט נישט אויפצוהייבן זיין האַק אויף אים קין — —
כ׳זע דאָך, אַז פולע פלעשער איר האַלט אין די הענט,
איז וואסזשע וואַרט איר, אין גאָטס נאָמען, לחיים“.

3

עס האָט דער ראש זיין לשון צוריקגעפונען,
ווי זיין חברה ווידער זייער ווילד געלעכטער :
„אַז עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט ווייסן מיר,
אָבער צי איז ער אויך דיין גאָט אַ גערעכטער ?

„ביי לעבעדיקן לייב פרעסן אונז די רייכע,
און דיין גאָט, דער בעל־יושר, טוט דאָס צולאָזן !
זיי טרעטן אויף אונז, ווייל מיר נעבעכלעך זיינען,
שטילער ווי וואַסער, נידריקע ווי די גראָזן.

מיר זיינען די דאָבאָש־באַנדע, די בערג־רויבער,
מיר ראַבעווען, די אָרעמע צו פאַרטיילן — —
דאָבאָש, הונדערט דורות נאָך דיר, דאָ אין די בערג,
וועט מען זיך פון דיין גערעכטיקייט דערציילן“.

ס׳געטאַנץ אין דער הייל, די בערג האָבן געציטערט,
און דער בעל־שם און דאָבאָש אין ראָד אין מיטן :
„דו געפעלסט מיר ייד, אַ ברודער קום מיט אונז מיט,
מיר וועלן דיינע פעסער מיט גאָלד אָנשיטן“.



אַקסל ביי אַקסל דער בעל־שם אין דבקות־טאַנץ
שעפּטשעט אַזעלכע ווערטער אין דאָבאָש׳ס אויער,
ס׳דוכט זיך דעם רויבער, דעם שכור־צעהוליעטן
עס טוליעטן אים אין שויס, זיין טאַטע, דער פּויער :

„גאָט איז מיין עדות, באמת, ווי כ׳בין אַ ייד,
דאָבאָש, כ׳וואָלט געוואָרן איינער פון דיין באַנדע ;
אַ געשליפן מעסער געשטעקט מיר אין גאַרטל,
און געגאַנגען איינגעמען די וועלט באַגראַנדע.

„אויב אזוי ס׳קאָן בעסער ווערן די וועלט, דער מענטש,
אין פייער כ׳וואָלט געגאַנגען מיט אייך אינאיינעם,
און אויב מיט תפילות מ׳קאָן די וועלט נישט גוט מאַכן,
אָבער דאָס האַרץ מ׳קאָן זיך דאָך גוט אויס וויינען —“

און נאָך האַלבער נאַכט, די באַנדע איז געשלאָפן,
האָט סודותדיק שטיל און פאַרבאָרגן בסתר,
דאָבאָש געשפּאַנט בעל־שם טוב׳ס פערד און וועגעלע,
און ער איז געוואָרן אַלעקסיי, דער שמייסער.

2. איז עס דאָך דער הייליקער בעל־שם־טוב

פאַר אַ דאָבאָש, דעם בערג־גזלן, דעם וואַלד־רויבער,
אַ קיי־און־שפּיי אַ מענטש אויף טויט צו דערשטאַכן ;
אָן אינו נראה פון דער תפיסה ער פאַרשווינדט,
וויפיל שומרים מיט ביקסן אים נישט באַוואַכן.

צומאָל פון דעם רוצח אים גאָר לייכט געווען,
זיין שמייסער, זיין אַלעקסיי פון אים צו מאַכן.

אויף וויפיל אַ האַרץ פאַרדאָרבן עס קאָן ווערן,
מיט אַ וואָרט, מיט אַ בליק בלויז מ׳קאָנ׳ס אויסבעסערן ;
וואָס טיפער געפאַלן אַ מענטש, וואָס זינדיקער,
אַ בעל־תשובה פון אים מאַכן אַ גרעסערן —

אַ זוימענדל, וואָס זון־פאַרברענטער ס׳איז די ערד,
ס׳בליט אויף, ס׳גייט אויף — מ׳מוז בלויז מער באַוועסערן !

בלויז וויאַזוי אָן עצה פון כיטרע צביעות,
פון חניפישן מכשף פטור צו ווערן ?
אַז די שטאַרקסטע השבעות, די העכסטע תפילות,
מיט זיין שטילן געפּרעפּל ער טוט צעשטערן —

ער טשאַדעט מיט קטורתל, מיט ווייראַכל,
פאַרבלענדט די אויגן מיט שמעלצנדיקע טרערן.

ער בויגט זיך אין דרייען, פאַלט טיף אויפן פנים,
אַ קאַץ דעם רוקן הויקערדיק אויסגעבויגן ;

שאַרט מיט א סאַמעט־ווייכן שוואַרץ־ווייסן פיסל,
מיט אַטלעס־גלאַטן ציגגל — רויט־איינגעזויגן.

ווען ער הייבט זיך אויף, קוקן דיך חניפיש אָן
צוויי חלב־טריפנדיקע טריפּהנע אויגן.

און ערשט ווען ער נעמט זיך מאָדליען און בלעקעצן,
און פאַרגייט זיך אין זיינע לאַקרעץ־געזאַנגען
אַ פאַליבטער קאַטער אין פולער לבנה־נאַכט
וואָלט זיך אין זיין זיסטן געמיאוקעץ פאַרגאַנגען:

ער שטאַרבט נעבעך, זיין קעציש האַרץ גייט אויס שיעור,
שיסעלע סמעטענע, אַ פולס, צו דערלאַנגען.

גיי כאַפּ אים, אַז מיט טויזנט קעץ צעלויפט ער זיך,
אין ווילדסטע וועלדער, אין ווייטסטע וויסטע העקן,
אויפן וועג דערוואַרגט ער א ולד אין דער וואַכנאַכט,
די יולדת אין קינפּעט שטאַרבט פון די טויט־שרעקן.

כאַטש אים כאַפּן אין אַ פינסטערן זאַק אַריין,
און איבערן קאָפּ אים געבן מיט אַ שטעקן!

ווען דער בעל־שם־טוב האָט אלעקסיי דעם שמייסער,
אין די הענט אריין ס׳פערדל אריבערגעגעבן,
האָט ער אים בלויז די לייצן — חלילה נישט די בייטש!
ערשט אין זיינע ידים אַ מענטשלעך לעבן.

אָ, א סך שווערער דעם מענטש איבערצומאַכן,
ווי פון אַ שטיק ליים אַ גולם אויסצוקלעבן!

מיטן פנים צום עק זעצט ער אים דעם שמייסער,
איז ער דאָך אַן עשיו פרעגט ער נישט קיין שאלה,
עס דרייט זיך די ערד, עס וויגן זיך די הימלען,
אַ וויגע, א זאַווערוכע, חושך ועפילה.

און מוז מען ציען ווייט איבער שבעה ימים —
שפּרייט ער אויס אַ זעגל — זיין רויטע פאַטשיילע.

איז עס דאָך אָבער דער הייליקער בעל־שם־טוב,
און באין־ברירה, אז ס׳איז גאָר נישט צו מאַכן,
לאָזט ער זיך מיט האַק־און־פּאַק מיט זאַק און שטעקן!
קפיצת־הדרך איבער שטרעקן און שליאַכן —

שטייט אליין שמירה ביי יעדער קינפּעטאָרין,
דעם בן־זכר און די יולדת צו באַוואַכן —

דאָס געקוויטש, דאָס געהייל, דער קאַצן־געיאָמער —
אַ טאַטעריש־קאַטעריש האַרץ ס׳קאָן צעבראַכן!
איז עס דאָך אָבער דער הייליקער בעל־שם־טוב,



אײלט ער זיך גאָרנישט, דעם זאַק צוריק אויפצומאַכן:

„קריך ארויס הער בישאָף", און דער סקולער גלח,
שפרינגט ארויס — אַ קאַץ מיט אַ מיאוקעצדיק לאַכן.

אז מ׳האָט אים שוין דעם מכשף אינם זאַק,
זייער לייכט געווען אַ סך פון אים צו מאַכן — —
איז עס דאָך אָבער דער הייליקער בעל־שם־טוב,
וואָס קאָן נישט צוזען, אז א פליג זאָל פאַרשמאַכן —

„ורחמיו על כל מעשיו", שמייכלט ער אין באָרד:
„זאָל א סקול גלחל קעציש זיך צעלאַכן".

## 3 און ולאחר מאה ועשרים שנה

און טאַקע דערפאַר, ווען אַלעקסיי איז געשטאָרבן,
איז דער בעל־שם־טוב נישט מער אַרומגעפאָרן.
וואָרים וויאַזוי מיטנעמען אַ בעל־עגלה?
אז „מעשה מרכבה", ביחיד מיר נאָר טאָרן.

און ווער ווייס, ווער ס׳כאַפּט זיך אַרויף אויפן קאָזשאָל?
אַ נסתר שיט שטיקער זוהר פון זכרון,
דער וועג ווערט ווי פאַרשאָטן מיט עפּל־בליטן,
א נפש דערווייל־וווּ — אונטער שניי פאַרלאָרן.

שנית ס׳טרעפט א פאָרמאַן אַ חכם, אַן אכזר,
נישט בלויז פון האַנט ס׳בייטש־שטעקל דיר אַרויסנעמען,
און פון בידנעם פערדל די פעל אָפּשינדן,
צומאָל — דעם שטעקן! די באָרד זיך צעקעמען,

און פונם קאָזשאָל אויפן געזעס ער זיך זעצט
מיט אַ רבנישן, רבישן באַנעמען — —
און שינדנדיק די הויט פון די אָרעמע שטעטלעך,
אַרומפאָרן איבער דער וועלט און בעל־שמען.

° ° °

און ולאחר מאה ועשרים שנה,
„צי קאָן ער לאָזן זיינע קינדער דעם שטעקן?..."
שטיינגעבליבן שוין שוואַכערהייט שטיל אויף אים,
טויט־אויפגעציטערט פלוצים פון פחדים־שרעקן!

און צוגערופן צו זיך זיין טאָכטער, געזאָגט:
„האָדל, כדי כ׳זאָל קענען די אבות אויפוועקן,
משיח זאָל שוין קומען, איינרייסן צו קענען,
אינם קבר אַריין גיב מיר מיט מיין שטעקן.

„ס׳קומען צומאָל צייטן, כ׳וועל מוזן אָנטרייבן
אליהו׳ן, ער זאָל זיך וועלן ענטפלעקן".

**און ווען דער בעל־שם־טוב נסתלק געוואָרן,**
**מ׳האָט אים מיט געגעבן זיין סענקאָוון שטעקן.**

**אין הייל דעמלט געשניצט, געשיילט, גוט אויסגעגלעט**
**פון די „נקודים וברידים״־קאַרע־פלעקן . . .**
**יאָ איבערגייענדיק שוין דעם „מעבר־יבוק״.**
**נישט פאַרגעסן אים מיטצונעמען, דעם שטעקן.**

## מ. אלמאן

## פון אונדזער פראווינץ

### וועגן געשיכטלעכן צייט־שטח

עס איז טאקע א מיצווה אָפּצוגעבן כבוד דעם אָנדענק פון אונדזערע זעקס מיליאן קדושים. עס איז א מיצווה צו שטעלן זיי דענקמעלער, אבער די געשיכטלעכע דאטע פון אומקום פון די 6 מיליאן יידן טאר נישט געענדערט ווערן.

ס׳איז אנגענומען צו רעכענען די צווייטע וועלט־מלחמה פון יאר 1939 ביז 1945. אויפן שטח פון דער דאזיקער צייט איז געשען חורבן זעקס מיליאן. האט אבער א נדבן אין לעסטער (Leicester) אנטהילט אין דער סינאגאגע אן אָנדענק־טאָוול געווידמעט די זעקס מיליאן. די פאָטא פון „טאבלעט״ געפינט זיך אין „דזשויש־קראניקל״ פון 12טן אקטאבער. איז אויסגעקריצט פאלגנדער אינהאלט:

יזכור א מגן־דוד
Six Million Jewish Martyrs
1933 - 1945

דער נדבן, מן־הסתם פון דייטשלאנד, האט געוואלט אפגעבן כבוד דעם אָנדענק פון אלע יידישע נאצי־קרבנות זינט 1933, אבער ער האט געגרייזט.

די יידישע שונאים טענהן דאָך, אז אין דער צווייטער וועלט־מלחמה האבן די דייטשן נישט אומגעברענגט קיין זעקס מיליאן יידן, און מיט אזעלכע „טאבלעטס״ זאגן יידן עדות צו זייער גונסטן.

אויף אזא אופן קען קומען א נדבן, אן אפשטאמיקער פון אוקראינע, און אנטהילן א „טאבלעט״ געווידמעט די זעקס מיליאן און אָנגעבן: פון כמיעלניצקיס צייטן ביז 1945 . . .

איך פארשטיי, אז מע דארף ערן אלע יידישע נאצי־קרבנות, אבער מע דארף אָפּהיטן דעם געשיכטלעכן צייט־שטח, ווען מע רעדט וועגן אומקום פון די זעקס מיליאן יידן.

### דאס נייע ווארט פון ירושלים

ס׳איז מיר לעצטנס אויסגעקומען צו לייענען אין דער יידישער פרעסע באריכטן וועגן דער דערציאונגס־קאנפערענץ וואס איז פארגעקומען אין ירושלים. דאס איינציקע וואס ווערט אונטערגעשטראכן, אין נאמען פון דער קאנפערענץ, איז צי דארפן די יידן אין חוץ־לארץ נאך איינהאלטן די יידישע שפראך. און



אין מאנטשעסטער איז שוין דער ראבאי אונסדאָרפער, א דעלעגאט צו דער קאנפערענץ, ארויס מיט א דערקלערונג, אז ער האט פיינט יידיש! די אלטע מעשה: יידיש איז א געבראכן דייטש און דערמאנט די צרות וואס די דייטשן האבן אנגעטון. ווי באקאנט דערמאנען נישט די דייטשע געלטער אָן די דייטשע פארברעכנס. און אפילו די מאנטשעסטער מחזיקי־הדת, וואס האט צווישן יידן צונויפגעזאמלט איבער צוואנציק טויזנט פונט אויף איר ניי־אויפגעבויטער שול, האט זיך נישט אפגעזאגט פון דריי טויזנט פינף הונדערט פונט פון די דייטשע שילומים־געלטער!

לשון יידיש איז אבער נישט קיין געלט. און די קאנפערענץ האט סטימולירט דעם ראבאי אונסדארפער, וואס שטאמט אגב פון יידיש־רעדנדע יידן, צו ווערן אָן אָפענער שונא פון יידיש.

שטעלט זיך א פראגע: האבן מיר דאס ווארט פון שינאה דערווארט פון ירושלים?

מאנטשעסטער, 15 אקט. 1962.

## עלען ווינאגראד

## אידיש טעאטער פון בראדווי ביז איסט־סייד
## דורך מיינע אויגן

מיין היינטיקן באריכט וועגן אידיש־טעאטער וועל איך אנהייבן פון דער פיעסע, וואס איז געשפילט געווארן אין הארץ פון טעאטערלאנד אין אמעריקע, דאס הייסט אויף בראדוויי.

דאס טעאטער האט געטראגן דעם אריסטאקראטישן נאמען „מייפער״. צום ערשטן מאל איז געמאכט געווארן א פרווו צו שפילן יידיש־טעאטער נישט אין דער איסט־סייד אזויווי אלעמאל, נאר אויף בראדוויי. מען האט געמיינט, אז יידן וועלן שנעלער קומען דארט. מען האט געשטעלט א פיעסע מיט אן ענגלישן נאמען, „גאו פייט סיטי האל״; דאס וואלט מען געקענט פארטייטשן אויף יידיש „גיי שלאג זיך מיטן מאגיסטראט״.

די פיעסע איז געשפילט געווארן מיט גלאנץ אין א קליין, נאר שיין אויסגעפוצט טעאטער. סע האט גאסטראלירט מנחם רובין (וועלכער איז ערשט נישט לאנג פלוצלינג געשטארבן). אחוץ אים: הענריעטא זשייקאבסאן, דזשוליוס אדלער, אוירווינג דזשייקאבסאן און זיין פרוי, מעי שיינפעלד, אין א אויסגעצייכנטע טרופע. אויך צוויי פיאנאס (א נייער צוגאנג), ביי וועלכע עס זיינען געזעסן: דער זון פון פארשטארבענעם קאמפאזיטאר יוסף רומשינסקי און די פאריזער פיאניסטין רענעי סאלאמאן.

כדי די יידן זאלן בעסער קענען פארדייען דאס יידיש האט מען גערעדט האלב ענגליש, האלב יידיש.

א גאנץ שיינע מעלאדראמע, גוט געשפילט און געזונגען.

וואלט זיך דאך אויסגעוויזן, אז אלץ איז גוט און יידן וועלן קומען צו לויפן מאסנווייז. איז אבער געווען פונקט פארקערט. די פיעסע האט נישט אנגע־

נומען. מען האט געשפילט ביי האלב־ליידיקע זאלן און נאך א צייט מיט פאר־לוסטן האט מען ליידער געמוזט אויפהערן.

די אלע, וואס האבן אדוואקאטירט יידיש טעאטער אויף ענגליש, האבן געמוזט צוגעבן, אז זיי האבן געמאכט א טעות.

די צווייטע פיעסע איז געווען אין „אנדערסאן"־טעאטער. א גרויס טעא־טער אין הארץ פון דער איסט־סייד, אויף דער צווייטער אוועניו, צווישן דער 4׳טער און 5׳טער גאס.

דארט איז געשטאנען א שיינע טרופע פון ערשטקלאסיקע אקטיארן. גאסט־ראלירט האט לעא פוקס. דאס איז געווען אן אפערעטע פארבראקט מיט דרא־מאטישע מאמענטן און צוגעשמאלצן מיט האנדלונג אין ישראל. די פיעסע האט, ווי מען זאגט אויפן אקטיארישן לשון „אנגעשלאגן". דאס טעאטער איז געווען געפאקט טאג איין, טאג אויס מיט אן אויסגעפוצטן, רייכן עולם, כמעט אלץ בענעפיסן. לעא פוקס איז א באליבטער אקטיאר, און דאס פובליקום בא־האנדלט אים אזוי ווי עלטערן באהאנדלען א פארפיעשטשעט קינד. ער קען זיך דערלויבן וואס ער וויל, זאגן און טון וואס ער וויל, און אלע לאכן פון זיינע חכמות.

די פיעסע האט געהייסן „ביי מיר ביסטו שיין", מוזיק פון שלום סעקונדא.

די כאראקטעריסטיק פון יידיש טעאטער אין אמעריקע איז דאס, וואס יידישע אקטיארן דארט האבן נישט קיין געפיל פון רעאליטעט. מען שפילט יידיש טעאטער און מען פארגעסט אין גאנצן, אז מען שפילט יידיש טעאטער. א שטייגער: אן אקטריסע, וואס שפילט אן ארעמע אלמנה, א טאכטער פון אן ארעמען שדכן, גייט אנגעטון ווי א גרעפין אין קאסטבארע קרעאציעס און זאגט אייך ווי ארעם זי איז. מען שטעלט נישט פאר קיין טיפן פון יידישן לעבן. איר האט נישט קיין בילד פון קיין יידישער היים. מען איז פארינטערעסירט צו ווייזן א ספעקטאקל. עס מוז גלאנצן, אזוי, ווי מען וואלט מורא געהאט צו באליידיקן די איידעלע געפילן פון עולם. מען רופט עס אן יידיש טעאטער, אבער אין מיין מיינונג איז עס פון יידיש טעאטער זער וויט.

עס איז דא אלץ: א שיין טעאטער, אן ארקעסטער אנגעפירט פון א דירי־גענט, גוטע אקטיארן, אבער קיין שום נשמה. עס לאזט אייך איבער אן איינדרוק פון פוסטקייט.

אין ביידע טעאטערס, א סיי אין „מייפער" אויף בראדוויי, סיי אין „אנדערסאן" אין איסט־סייד, האט מען פרובירט ארייננצוברענגען אויף דער בינע אביסל יידישע טראדיציע. דער ערשטער אקט אין „מייפער" האט זיך געענדיקט מיט א קידוש (עס פארגעשטעלט א סדר־נאכט) און אין „אנדערסאן"־טעאטער א הבדלה. ביידע זאכן האבן געקלונגען אין מיינע אויערן פרעמד. מען האט עס געמאכט מיט גרויס פאמפע: דער דיריגענט האט דיריגירט, דער ארקעסטער האט געשפילט, די אקטיארן האבן געזונגען, אבער עס האט נישט באוויזן ארויסצוברענגען קיין יידישקייט.

דאס דריטע טעאטער איז געווען דער „עדיוקיישאנאל עליאנס" אויף איסט בראדוויי. דארט האט מען געשפילט א פיעסע איבערגעמאכט פון שלום



עליכמס „מאטל פייסי דעם חזנס". די פיעסע איז געווארן איבער־געמאכט פון ישראל ראזענבערג און האט געהייסן „מיר פארן קיין אמעריקע".

עס האט געשפילט א גאנץ שיינע טרופע, אין שפיץ מיט דעם באליבטן קאמיקער מאקס באשיק. זיי האבן געמאכט א פרווו צו שפילן א פאלקסשטיק. מען האט געקענט זען, אז זיי האבן זיך באמיט צו זיין פאלקס־טימלעך, און ארייננגעלייגט אסך מי אז דאס זאל אזוי ארויסקומען; דאך איז עס נישט ארויס־געקומען. די קאמעדיע האט זיך פיינלעך געשלעפט דורך צוויי אקטן, אפט ארויסגעהאלפן מיט געזאנג, און געשטארבן מיט א נאטירלעכן טויט פון מאנאטן.

איך בין מסכים מיט ד"ר סווערדלין, טעאטראלער רעדאקטאר פון „טאג־מארגן־זשורנאל", ווען ער האט געשריבן, דאס איבערמאכן שלום עליכם איז זער שווער. די פיעסע האט נישט אנגעשלאגן. עס איז געקומען אן עולם, וואס האט ליב פאלקלאר, אבער אן אנטוישטער אוועק נאך דער פארשטעלונג.

ווען שלום־עליכם וואלט זיך געזען דארט פארטרעטירט, וואלט ער זיכער געזיפצט מיט באדויער און געטראכט ווי טרויעריק און פרעמד זיינע געליבטע געשטאלטן האבן זיך, נעבעך, ארומגעדרייט אויף דער בינע. ער וואלט זיי ווידער באהאלטן אין די בלעטלעך פון זיינע ביכער און געהייסן אזוי לאנג שלאפן ביז עמיצער, מיט גענוג טאלאנט און ליבשאפט, זאל זיי פון דארט ארויסנעמען און צוריק לעבעדיק מאכן.

איר האט שוין אודאי באמערקט, דאס איך וויל נישט היינט געבן קיין רעצענזיע פון די פיעסן, נאר געבן אייך א שטיקל בילדל פון דעם יידישן טעאטער אין נוי־יארק דעם פאריקן ווינטער.

יעצט קום איך צו דער פאלקס־בינע. די פאלקס־בינע איז, ווי מיר האבן עס אנגערופן אין דער היים, א דראמאטישער קרייז, א טרופע פון אמאטארן. זיי האבן איצט אין נוי־יארק אן אייגן טעאטער אין דעם „פארווערטס"־הויז. זיי ווערן סובסידירט פון „ארבעטער־רינג", און זייער צוקונפט איז א זיכערע. זיי נעמען זייער טעאטער־שפילן זער ערנסט. די טרופע באשטייט פון מענטשן, וואס שפילן דארט אסך יארן און זיינען שוין נישט יונג. לעצטנס האבן זיי צוגעצויגן יונגע קרעפטן פון א גאר באדייטנדן קאליבער.

דעם לעצטן סעזאן האט די פאלקס־בינע געבראכן די טראדיציע פון נישט שפילן מאדערן טעאטער און האט אויפגעפירט א פיעסע פון אמעריקאנער לעבן, „בעקלין צענטער", וועגן א יידישער פאמיליע, וועמענס פאטער איז דער פארשטייער, דער דירעקטאר פון „צענטער".

די פיעסע איז רעזשיסירט און אויפגעפירט געווארן פון דוד ליכט, ספעציעל געבראכט קיין נוי־יארק פאר דעם צוועק.

די פאלקס־בינע האט זיך ווירקלעך אויסגעצייכנט מיט דער אויפפירונג. עס האט זיך געפילט אן ערנסטע אנשטרענגונג צו שפילן יידיש טעאטער שיין. א ציכטיקייט האט געבלאזן פון אלע ווינקעלעך. דערוואקסענע מענטשן האבן געשפילט א פיעסע פאר א דערוואקסענעם עולם, און איך בין צופרידן צו זאגן אז זייער מי איז זיי געלונגען. דאס יידישע פובליקום האט זיי באדאנקט מיט זייער צוטרוי. זיי האבן געהאט גרויס דערפאלג.

דאס איז געווען דער אפיציעלער סעזאן פון יידישן טעאטער אין נוי־יארק, און איך האבן דאס אייך איבערגעגעבן ערלעך, אזוי ווי איך האב עס געזען דורך מיינע אויגן.

אחוץ דעם זיינען פארגעקומען פארשידענע פאראנשטאלטונגען פארבונדן מיטן יידישן טעאטער, „וויקענדס" און לויזע פארשטעלונגען.

דאס ערשטע לאמיך דערמאנען די אויפטריטן פון דזשיגאן. אלע פון אייך האבן געוויס געהערט פון די לאנגיעריקע שותפותדיקע ארבעט פון דזשיגאן און שומאכער, די הומאריסטן. נאך דעם פריצייטיקן טויט פון שומאכער האט דזשיגאן זיך ארויסגעלאזט אליין אין דער וועלט. דעם לעצטן סעזאן אין נוי־יארק האט ער נאך א געלונגענעם אויפטריט גענומען א גרויס טעאטער אויף סעקאנד עוועניו און געשפילט עטלעכע וואכן יידישע רעוויו.

דזשיגאן האט געהאט א קליינע טרופע, און כמעט די גאנצע ארבעט געמוזט טון אליין. ער האט געהאט גרויס דערפאלג. איך האב געזען א פארשטעלונג, און מוז זאגן דאס שוין לאנג, זער לאנג, האב איך נישט געזען אזויפיל פאלקסטימלעכן הומאר. איך וויל דא נישט רעדן פון קונסט, נאר איך ווייס נאר איין זאך. איך האב פארגעסן, אז איך זיץ אין טעאטער אויף סעקאנד עוועניו אין נוי־יארק, אז אין דרויסן שנייט. אין טעאטער איז אויך נישט געווען צו ווארים (די צענטראל־באהייצונג איז קאליע געווארן). איך בין געווען אין לאדזש ; איך בין געווען אין דער היים, און איך האב נאך דער פארשטעלונג דערווארטעט ארויסצוגיין אויף די לאדזשער גאסן. דזשיגאן האט אויפגעפירט עטלעכע רעוויוס און צוריקגעפארן קיין ישראל.

איך געדענק נישט די דאטע. עס דאכט זיך מיר, אז עס איז געווען אין אנהויב יאנואר. האב איך בייגעוווינט א גראנדיעזע פאראנשטאלטונג צום הונדערט־יעריקן געבורטסטאג פון מאריס ראזענפעלד. זיי האבן דאס אנגערופן א „פעידזשעגט". עס איז געווען איינגעארדנט פון ארבעטער־רינג אויף א גרויסארטיקן אופן אין א גרויס טעאטער, וואס רופט זיך אן „דהי רוזוועלט־אדיטאריום" אויף דער 17'טער גאס. דאס טעאטער געהערט צו דער מעכטיקער „גארמענט־יוניאן". די פאראדע איז געווען גרויס. מען האט געהאלטן לאנגע און וואגיקע רעדעס. די באלויכטונג איז געווען קאלירט, די בינע עקזאטיש דעקארירט, די אקטיארן אויסגעפוצט. נאר מאריס ראזענפעלד, דערשרעקנדיק זיך פאר אזויפיל רייכטום, איז איינגעשרינקען אין זיך און א בלאסער מיט א פאר טונקעלע ברילן כמעט די גאנצע צייט געזעסן אויף א באנק. אין מיינע אויגן האט ער גיכער אויסגעזען ווי א גוטמוטיקער אלטיטשקער ווי א דינאמישער פאעט מיט רעוואלוציאנערע אידעען.

ס'זיינען נאך פארגעקומען ספאראדישע טעאטער־פארשטעלונגען, שוואך באזוכט, און אויפטריטן פון זעלבסט־באשריגענע סטארס. דער „נאציאנאלער ארבעטער־פארבאנד" האט ארויסגעשיקט א טרופע אויף דער ברייטער פראווינץ פון אמעריקע און קאנאדע, אנגעפירט פון בען באנוס. די ערשטע פארשטעלונג איז געווען אין נוי־יארק. איך האב זי נישט געזען, ווייל מיר זיינען געווען באשעפטיקט אויף א קאנצערט פון „ארבעטער־רינג". נאר איך ווייס, אז די פאנפארן פון רעקלאמע זיינען געווען גרעסער ווי דער דערפאלג. די פארשטעלונג איז געווען א קאמעדיע, באזירט אויף דעם לעבן פון הערשעלע אסטראפאליער.

איך וויל ענדיקן מיט דער יערלעכער פארשטעלונג פון דער יידישער אקטיארן־יוניאן. יעדעס יאר קומט פאר א וויכטיקע אונטערנעמונג, אנגעפירט פון יידישן ארטיסטן־פאריין. די גאנצע איינגאמע גייט פאר וווילטעטיקע צוועקן; פאר נויטבאדערפטיקע אקטיארן און זייערע קינדער. אלעמאל איז די פארשטעלונג גוט באזוכט. דאס מאל איז דאס גאר געווען אן אויסערגעוויינלעכער דערפאלג. מען האט געשפילט „דאס פינטעלע ייד", און דער אפרוף האט איבערגעשטיגן אלץ, וואס מען האט זיך געקאנט פארשטעלן. דאס טעאטער איז געווען נישט נאר אויספארקויפט, נאר איבערגעפאקט. א יום־טובדיקע שטימונג האט געהערשט, און ווען די אקטיארן (מיר אין מיטן) האבן זיך געלאזט זינגענדיק איבערן זאל ארויף אויף דער בינע, האט דער עולם געשטורעמט מיט אפלאדיסמענטן. דאס גאנצע פובליקום האט הויך מיט באגייסטערונג מיטגעזונגען די לידער פון „פינטעלע ייד", אין א דעמאנסטראציע פון יידישקייט. אין דרויסן האבן מענטשן זיך געבעטן מיט 10 דאלארס מען זאל זיי אריינלאזן אין טעאטער אפילו צו שטיין, אבער עס איז נישט געווען ווו. נאך דער קאנדענסירטער פיעסע האט זיך אנגעהויבן א קאנצערט, אין וועלכן עס האט זיך באטייליקט א קאוואלקאדע פון סטארס. איין בראדוויי סטאר, וואס איך וואלט נישט פארדעכטיקט, אז ער איז א ייד, האט מיט טרערן אין די אויגן זיך געבעטן, אז מען זאל אים לאזן דעקלאמירן א פאעמע פון מאריס ראזענפעלד. די אויפטריטן האבן זיך געצויגן איבער דער נאכט. א מידע בין איך אהיימגעגאנגען צוויי אזייגער, אבער קיינער האט זיך נישט גערירט פון ארט. די נוי־יארקער יידן האבן נאך אמאל געוויזן, אז זיי האבן יא ליב יידיש־טעאטער און די יידישע אקטיארן. דאס איז אלץ, וואס איך קען געדענקן און באשרייבן — א באדייַנדיקער בלאט אין די אנאלן פונם יידישן טעאטער.


## די סעמינארס פאר יידיש וויסן

(פריינט פון יידיש לשון און סטעפני־קאנטי קאנסל)

יעדן דינסטיק 8 אַ זייגער אין קאנאן בארנעט סקול א.1.

אלע זיינען איינגעלאדן ! איינטריט פריי !

## „די אידישע שטימע"

די איינציקע וואכנצייטונג אין דער אידישער שפראך אין דעם לאנד.

THE JEWISH VOICE LTD.

11-13 NEW ROAD, LONDON, E.1. Phone: BIS. 9804

## יידיש ליטערארישע שבת-נאכמיטאגס

**אין בערנער סטר. 33, בערנארד באראן סעטלמענט א.1. — 3 אזייגער**

שבת, דעם 10'טן נאוועמבער — בעלא וויינער : „סאוויעטיש היימלאנד".

שבת, דעם 17'סטן — סעם לעוו : די געשיכטע פון סאציאליזם.

שבת, דעם 24'סטן — מאריס מינדעל : „עמאנציפאציע ביי דער יידישער פרוי".

שבת, דעם 31'סטן — די פעלקער און מדינת ישראל, רעדעס און ריציטאציעס.

## לאנדאנער קולטור ידיעות

ווי אַלע יאָר איז אויך היי־יאָר דער טשיף־ראַביי דר. ישראל בראָדי געווען די צוויי טעג ראש השנה מיט די יידן אין ווייטשעפּל און דער פּרעזידענט פון דער באַרד אוף דעפּיטיס, סער באַרנעט זשאנער — דער טאג פון יום כפור.

דער וואָרט־קאָנצערט פון הערץ גראָס־באַרד, איינגעאָרדנט פונם ייוואָ, איז געווען אַ מאַנעפעסטאַציע פאַרן יידישן קינסטלערישן וואָרט. זיין לייענען און אינטערפּרעטירן אונ־זערע גרויסע קלאַסיקער און אונזערע מאָדערנע פּאָעטן האָט ביים לאָנדאָנער יידיש־אינטעליגענטן עולם אַרויסגערופן זכרונות פון די אַלטע גוטע צייטן, און בענקעניש ווידער צוניפצונעמען פרישע כוחות און אָנצוהייבן אויפסניי. אַ גרויסן ישר כוח דעם קונסטלער, וואס אויף זיין טור איבער אוי־ראָפּע אויך אָנגעטרעטן דאָ ביי אונז און די פּאָר אַקטיוויסטן ארום ייוואָ,

דער קאָמפּאָזיטער נחום סאַמאַראָף האָט ביי אַן אָוונט איינגעאָרדנט פון אַרבעטער רינג, געהאַלטן א וויכטיקן און באַלערנדיקן פּארטראַג איבער יידישע מוזיק, פון וועלכע די צוהערער האָבן אסך געלערנט און גע־האט גרויס הנאה. סילוויאַ סאַמאַראָף האָט באַגלייט ביים קלאַמיר.

שמואל איזבאן, אויף זיין דורכרייזע אי־בער לאָנדאָן האָט אָנגעגעבן א גרויס פון אַמעריקאַנער יידישן יישוב ביי די שבת נאָכמיטאָגס, ווו ער איז וואַרעם באַגריסט געוואָרן פון י. ביעטש און י. א. ליסקי.

יודל קאָרמאַן וואָס האָט געווילט אייני־קע טעג אין לאָנדאָן, איז אויפגענומען גע־וואָרן ביי אַ גלעזל טיי פונם צענטראַל־קאָמי־טעט פונם אַרבעטער רינג. ער דערציילט פונם אַקטיווין יידישן קולטור לעבן פון דעם קליי־נעם יידיש ישוב. ער איז באַגריסט געוואָרן פונם פּאָרזיצער א. האלאנד, ס. מינדל א.א. דעם פאָרזיץ האָט געפירט עלעק וואָטערמאַן. י. קאָרמאַן איז אויך אויפגענומען געוואָרן ביים יידיש ליטעראַרישן שבת נאָכמיטאָג ווו דער חשובער גאַסט האָט אָפּגעגעבן אז גרויס פון יידישן ישוב אין פּוילן. און איז וואַרעם באַגריסט געוואָרן פון מלך שוואַרץ און איי־זיק גאָלדבערג א.א.

ביי דער יובל פייערונג לכבוד יוסף לעפּט־וויטש'ס 70'סטן געבוירן יאָר, אין קאָרע האָטעל, האבן זיך בייטייליקט מיט באַגרי־סונגען יואל צאַנק, מר שאַפּסטלי, דר. לעווענבערג, געראָלד מילער, שמואל איז־באן, יודל קאָרמאן און דר. יעקב מייטליס. דעם פּאָרזיץ האט געפירט חבר יעזערסקי דער באַנקעט איז געווען איינגעאָרדנט פון דער קולטור־געזעלשאַפט. די אויסגאבע לכ־בוד דעם בעל יובל מיט באגריסונגען רעדאַק־ט'רט — י. ח. קלינגער.

האַרי אַריאל איז אויפגעטרעטן ביי די שבת נאָכמיטאָגס מיט רעציטאַציעס און לי־דער, ווו ער האָט שטאַרק אייסגענומען

הרב צימערמאַן, דער ראש פונם ועד־הרב־נים, וועלכער איז צוריקגעקומען פון אַ נסי־עה פון ישראל, האט ביי א מלוה־מלכה איינגעאָרדנט פון בית ציון, דערציילט מיט גרויס באַגייסטערונג פון זיין באַזוך, דעם חשוב רב האָבן באַגריסט הרב פישער, הרב האַלזשטוק (דיין דר. קראוז און הרב קוצע־וויצקי זיינען אויך אָנוועזנדיק געווען), די קאָמיטעט מיטגלידער דער וויצע פּרעזידענט מר. מאַרקס און מר. גייער, דער פּרעזידענט פון דער פעדעריישן משה לעדערמאַן. חזן רעוו קאצענעלבויגן האָט געזונגען יידישע און העבראַישע לידער דעם פאַרזיץ האָט געפירט דער פּרעזידענט פון בית ציון, מר. ראַבינאָוויטש.

אין הויז פון עלעק וואָטערמאן איז פאר די קינסטלער סאַמאַראָף'ס אין פאַרן מיט־רראַקטאר פון דער וואַרשעווער פאָלקסטי־מע, יודל קאָרמאַן, איז געגעבן געוואָרן א קבלת־פנים־באַנקעט.

דאָס אַקטיאָר פּאָרל, סעם גאָלדבערג און עלען ווינאָגראד, צוריקקומענדיקן פון אַמע־ריקע האָבן זיי געהאַט דעם ערשטן אויפ־טריט ביי די יידיש ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאגס ווו זיי האָבן שטאַרק אויסגע־נומען.

די מאַראַווסקיס, אויף זייער ווײַלן אין לאָנדאָן האָבן געגעבן אַ געלונגען קאָנצערט.

בעלא ווײַנער, האָט גערעדט ביי די שבת נאָכמיטאָגס, איבער „סאָוויעטיש הײַמלאַנד".

אין סטעפּני אינסטיטוט האָט קאַנצלער אי־דיט ראַמסי געהאַלטן א לעקציע איבער יידישקייט אין ענגלאַנד אין אָוונט האָט זיך אויך באַטייליקט מר גדליה פונם יידישן שעלטער.



# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומ. 12 (העפט 374) דריי און צוואַנציקסטער יאָר דעצעמבער 1962 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

א י נ ה אַ ל ט :

דער חנוכה סימבאָל, נס גדול היה שם... אַרנאָלד צווייג'ן (צו זיין 75'סטן געבורטס־טאָג) ........ °°° 1
טויט איז קיין נס, פון דרויסן, פּאָסט מאָרטעם ........ יוסף לעפּטוויטש 4
יוסף לעפּטוויטש, דער שרייבער און דיכטער, א בן־שבעים (עסיי) ........ יהודה ביעטש 5
יוסף לעפּטוויטש צו זיין יובל השבעים (א לאַטקע מכל מיני מטעמים—ליד) שמואל ווהייט 7
דערוואַרטונג (ליד) ........ יהושע ריווין 7
אַ יאָר הונדערט (ליד) ........ חיים וואַלדמאַן 8
ביי אן „אסימילאַטאָר" אויף חנוכה (דערציילונג) ........ משה בעקערמאַן 9
אין פעלקער צעטומלטן צייט מאטיוו (טריפּטיך), א לאָנדאָנער נעפּל (סאָנעטן), סוף כל סוף . . . (פּראָזע) ........ א. נ. שטענצל 13
הורבן בית מקדש (ליד) ........ יצחק ראָזענבערג 31
ביימער (ליד) ........ דשזאויס קילמער 31
אין בין אלט (ליד) ........ ש. טענענבוים 32
אונזער קולטור פראָנט (ארטיקל) ........ מ. מינדעל 32
קולטור ידיעות
יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס

פריינט פון יידיש לשון

גראַנדיעזער חנוכה באל

(טאַנץ, דריידעלעך און לאַטקעס)

שבת, דעם 29'סטן, דעצעמבער 1962, 7.30. אַדלער־האָל, אדלער סטר. א.1.

אינטריט 4 שילינג בילעטן ביי דער קאַסע

פרייז 2 שילינג

אַבאָנאַמענט־פּרייז :—26 שילינג פאַר אַ יאָר

אין אויסלאַנד :—8 דאָלאַר אַ יאָר

אדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע :—

"LOSHN UN LEBN," 17 DELAMARE BUILDINGS,
COLLINGWOOD STREET, LONDON, E.1. ENGLAND

*Published and Edited by* A. N. STENCL, *17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press.*
129-131 *Cavell Sreet, London, E.1*